# בית הכנסת אנשי ביאליסטאָק

1878 1928




7-11 ווילעט סטריט

ניו יארק

## עקס פרעזידענטען פון בהכנ"ס:

אהרן באיארסקי — דוד איזאקס
ל. צאַדיקאָוו — ה' גיטעס

## בעאמטע פון שוהל:

מאקס בארטה — — — — — — — — פרעזידענט
מאררים פינקעלשטיין — — 1טער וויים פרעזידענט
מאררים זאַנשיין — — — 2טער וויים פרעזידענט
לואיס דייוויס — — — — — — — — טרעזשורער
פנחס יארשאן — — — — — — — — סעקרעטער
ה. גיטעס — — — — — — — 1טער גבאי בהכנ"ס
אהרן באיארסקי — — — — 2טער גבאי בהכנ"ס
ב. בארענשטיין — — — — 1טער גבאי בהמדר"ש
ליב יאנאָווסקי — — — — — 2טער גבאי בהמדר"ש

### טראַסטים:

אלטער פארמאן — ב. האָפמאן — ל. אינערפעלד
וואָלף גאָלדשטיין — מאַררים ליבערמאן — ב. קאליקאָוויטץ
ירחמיאל אדלער

ב. בארענשטיין — האָספיטעלער

## גמילות חסדים בעאמטע:

אהרן באיארסקי — — — — — — — פרעזידענט
מאַררים פינקעלשטיין — — — — — טרעזשורער
שלמה בערמאן — — — — — — פינ. סעקרעטער

## גבאים פון חברה קדישא:

אהרן באיארסקי — משה חיים מארקוס

## גבאים פון חברה משניות:

ב. בארענשטיין — משה חיים גאָלדשטיין

## בעאמטע פון די ליידיס אקזילערי

אהרן באיארסקי — — — — — — — — פרעזידענט
מרס. ה. גיטעס — — — — — — — וויים פרעזידענט
ב. אָטענשטיין — — — — — — — — טרעזשורער

## בעאמטע פון רבי שמואל מאליווער תלמוד תורה:

זלמן הורוויץ — — — — — — — — — פרעזידענט
ה. גיטעס — — — — — — — — — — טרעזשורער
יוסף לין — — — — — — — — — — סעקרעטער

## יובילעאום קאָמיטע:

ה. גיטעס — — — — — — — — — טשערמאן
אהרן באיארסקי — — — — — — — וויים טשערמאן
זרח עפשטיין — — — — — — — — טרעזשורער

מאקס בארטה — זכרי' פרידמאן — מ. פיינבערג
מאַררים פינקעלשטיין — מ"ח מארקוס — ה. פאַרמאן
מאַררים זאַנשיין — יוסף גאָלדבערג — סעם ראָזענבערג
משה חיים גאָלדשטיין — דוד ציזעווסקי — לואיס דייוויס
ב. בארענשטיין — וואָלף גאָלדשטיין — בער קאליקאָוויץ
ליב יאנאָווסקי — מאַררים ליבערמאן

# צו דעם 50־יעהריגען יום־טוב פון בית הכנסת אנשי ביאַליסטאָק

פון הרב יעקב איסקאלסקי

פופציג יאָהר היסטאָרי באדייטעט זעהר פיעל, אפילו ווען איינער שרייבט וועלט געשיכטע, האָט ער אויך צו פארצייכענען אין 50 יאָהר, זעהר פיעל פּאסירונגען, וואָס עס האָט געטראָפען אין די פערגאנגענע 50 יאָהר, פון פריידען און ליידען, פון מענשען און געשעהענישען, פון ציוויליזאציאָן און קולטור, פון פּראָגרעס אויף אלע געביטען פון מענשליכען אויפטאָהן, איבערהויפּט, ווען מען שרייבסט די געשיכטע פון אונזער יונגער טייערער לאנד אמעריקא, וואָס פון איהר גרינדונג איז נאָך ניט אריבער קיין 200 יאָהר, איז פופציג יאָהר זעהר א לאנגע צייט, וואָס עס קען פארצייכענט ווערען זעהר פיעל אין איהר היסטאָרי, פון איהרע גרויסע פּערזאָנען, וועלכע האָבען געשאפען אָדער געהאָלפען צו שאַפען אזא געבענטשטע לאנד, צו אויפבויען אזא שעהנע און גלענצענדע רעפּובליק. ווער רעדט שוין פון איינצעלנע פּערזאָנען, וואָס ביי זיי איז דאָך 50 יאָהר ממש אן אייביגקייט, ווארים וויפיעל לעבט אין גאנצען א מענש, און ווען יעדער מענש וואָלט געקענט געדענקען, און וואָלט געקענט דערצעהלען פון זיינע איבערלעבונגען און זיינע מעשים בכל יום, וואָלט ער געקענט גאנצע ביכער אָנשרייבען, פון זיינע קינדערשע יאָהרען, פון די צייטען, ווען ער איז געווען יונג און אומערפארען, פון זיינע ערפאָלגען און נידערלאגען.

ווען עס רעדט זיך פון אלגעמיינע אידישע היסטאָרי, ווערט פארשריבען גאנצע קאפּיטלאך און בלעטער, וואָס עס האָט געטראָפען אין משך פון פופציג יאָהר. שלמה המלך האָט אין גאנצען געלעבט 52 יאָהר, און איז געווען אידישער קעניג מעהר ניט ווי 40 יאָהר, דאָך איז וועגען איהם פערשריבען געוואָרען זעהר גרויסע פּאסירונגען. אָדער נעהמט 50 יאָהר פון אנדערע פעריאָדען איז אויך זעהר פיעל דערצעהלט געוואָרען, פון געשעהנישען און אויפטהונגען. דאָס באווייזט, אז די צאָהל 50 יאָהר מיינט זעהר פיעל אין שרייבען געשיכטע.

איבערהויפּט ווען מען זאָל וועלען איבערגעבען, וועגען דער אידישער געשיכטע ביי אונז דאָ אין אמעריקא, וואָס דאן מיט פופציג יאָהר בעפאָר, האָט זיך כמעט אָנגעפאנגען די ענטוויקלונג פון דער אידישער טהעטיגקייט דאָ אין לאנד, אויף אלע איהרע געביטען, סאי אין איהר עקאָנאָמישע לאגע, סאָי אין איהר קולטורעלען לעבען, אויך אין איהר באטייליגונג אין דעם אלגעמיינעם פּאָליטישען לעבען, ביז וואמען מיר האָבען דערלעבט דיעזע גאָלדענע צייט, אין וועלכע מיר לעבען, איז פופציג יאָהר טאקי א גאנצע היסטאָרי, וואָס עס איז פאראן זעהר פיעל צו דערצעהלען, פון איהרע געניאלע מענשען, זייער לעבען און שאפען, זייער טהעטיגקייט און ארבייט.



הרב יעקב איסקאָלסקי

אזוי איז אויך יעצט, אז די בית הכנסת אנשי ביאַליסטאָק האָט זוכה געווען צו פייערען איהר 50 יעהריגען יובילעאום, האָט זי זעהר פיעל צו דערצעהלען, וואָס עס האָט פּאסירט אין איהר קאָנגרעגיישאָן לעבען, אין די גאנצע 50 יאָהר פון איהר טהעטיגקייט, פון איהרע גרויסע מענשען רבנים און פיהרער, פון איהרע שעהנע בעלי בתים, די בויער און מיטהעלפער אין אלע איהרע אונטערנעהמונגען, און דאָס האָט אונז דערצעהלט דער ווירדיגער סעקרעטער מר. יוסף לינן אין זיין ארטיקעל „זכרונות פון בית הכנסת אנשי ביאַליסטאָק“.

מיט פופציג יאָהר פריער, ווען אין די 70-80-ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהר הונדערט, ווען דער שטראָם פון אימיגראציע האָט זיך אָנגעפאנגען, פון דער אלטער רוסלאנד נאָך אמעריקא, ממילא זיינען פיעלע ביאַליסטאָקער אריבערגעקומען נאָך אמעריקא, מיט'ן פּעקעל און זעקעל, געפינענדיג זיך אין זייער א אָרימען מצב, וועלכע האָבען געהאַט אויף זיך די דאגת הפרנסה, באַזאָרגען זיך מיט'ן טאָג טעגליכען נעברויך, אָבער וויסען האָבען זיי געוואוסט, אז זיי קומען פון ביאַליסטאָק, וועלכע איז געווען און איז נאָך יעצט אויך א עיר ואם ישראל, באוואוסט מיט איהרע אינסטיטושאָנס, מיט איהרע גדולים וחכמים, משכילים

ונבונים, און אלס ביאליסטאָקער האָבען זיי זיך ניט צו־פרידענגעשטעלט, מיט נאָר צו פארזאָרגען און פארבעסערען זייער עקאָנאָמישע לאגע, נאָר האָבען באלד אָנגעפאנגען צו פארזאָרגען זייער גייסטיגען געברויך, און אָנצוהאלטען זייער טראדיציאָן, וועלכע זיי האָבען אריבערגעבראכט פון ביאליסטאָק, ירשנ׳ענדיג זייער איבערגעגעבענהייט צו אידישקייט, פון זייערע הייליגע עלטערען און איינפלאנצען תורה ועבודה אין דעם נייעם גארטען אמעריקא.

עס האָט לאנג ניט גענומען, ווי עס האָט זיך געגרינדעט צוויי ביאליסטאָקער חברות, איינע מיטן נאָמען אנשי חסד, און א צווייטע עדת ישרים. יעדערע איינע פאר זיך האָט געהאט א מקום להתפלל אלע טאָג, וואו עס איז אויך געלערענט געוואָרען תורה, און דיעזע פלעצער זיינען געוועזן דער אָרט וואו ביאליסטאָקער פלעגען זיך צוזאמען קומען, און צוזנויפרעדען זיך אז מען זאל זיך איבערגעבען צו טאָהן ארבייט פון חסד וצדקה, און דורך דעם זיינען געגרינדעט געוואָרען פיעלע ביאליסטאָקער וואָהלטהעטיגע אָרגאניזאציאָנען, ווי די סומך נופלים, בקור חולים און נאָך, און צום לעצט דער גרויסער ביא־ליסטאָקער סענטער.

און אלעם איז צוליעב די שוהלען פון אנשי חסד ועדת ישרים, ווייל א שוהל ביי אידען מיינט ניט נאָר א פלאץ צום דאווענען, נאָר אויך א פלאץ פון וואָלטהעטיגקייט. אן עדות אויף דעם איז די אלע גוטע פאָנדס, וועלכע די יעצ־טיגע גרויסע ביאליסטאָקער שוהל פארמאָגט, ווי די חברה משניות, די תלמוד תורה רבנו שמואל מאהליווער, דער גמילת חסד, דער מעות חטים און לחם עניים פאָנד. פילע טויזענדער דאָלער ווערט געשאפען אלע יאהר פאר פער־שידענע ישיבות דאָ, אין ארץ ישראל און אייראָפא. די אלע וואָלטהעטיגע ענינים זיינען באשאפען געוואָרען אין שוהל, און דיזע טהעטיגקייטען האָבען זיך פארשפרייט אויסערהאלב דער שוהל אין אלע אָרגאניזאציאָנען וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען פון די ביאליסטאָקער, אבער זיי אלע זיינען נאָר צווייגען וועלכע זיינען אויסגעוואקסען פון דעם בוים, דער עץ חיים וועלכער רופט זיך בית הכנסת אנשי ביאליסטאָק.

אמת, עס איז פאראן אנדערע קאָנגרעגיישאָנס, וועל־כע זיינען עלטער אין יאהרען ווי די ביאליסטאָקער, אבער די ביאליסטאָקער קענען מיט שטאָלץ זאגען, אז זי האָט באוויזען אויפצוטאָהן אין 50 יאהר, וועלכע אנדערע האָבען ניט אויפגעטאָהן אין מעהר ווי הונדערט יאהר, און לויט דעם כלל פון ירושלמי (באה פ״ה ה״ט) חמשין דעבדין טבין מן מאתן דלא עבדין, דאס מיינט פופציג וואס אר־בייטען איז פיעל בעסער ווי צוויי הונדערט וואס ארביי־טען ניט, מעג די ביאליסטאָקער שוהל אויפהויבען איהר קאָפ מיט שטאָלץ און ווירדע, געגען די אנדערע שוהלען אין דיעזען געגענד, און זאגען צו זיי: באו וקחו לכם דוגמא, (כתובות כ״ח) קומט און נעהמט א ביישפיעל פון מיר, זעהט מיינע אויפטהואונגען אין די לעצטע פופציג יאהר, און אנדערע שוהלען זאָלען זיך אָפלערנען וואס ער־פאָלג מיינט. געהט אריין צו מיר אין תלמוד תורה, און זעהט ווי הונדערטע אידישע קינדער זיצען און לערנען, און ווערען איינגעטרייט צו זיין גוטע אידען, געהט אריין אין ביאליסטאָקער שוהל אלע שבת און זעהט ווי קליינע אידי־שע קינדער דאווענען אלע צוזאמען בצבור מיט זייערע אייגענע בעלי תפילות און בעלי קריאה אין דער תורה, קומט און זעהט ווי אלע זונטאג אָוועגד ווערט פארליהען הונדערטע דאָלערס גמילות חסדים, אלע ערב פסח ווערט צוטהיילט טויזענדע דאָלערס מעות חטים, קומט אלע שבת און זעהט ווי די שוהל איז פול געפאקט מיט אידען, וועלכע קומען הערען נאָטעס ווארט, דער אלטער און יונ־גער דור זיינען צוגעצויגען צו דער שוהל, און דורך דעם צו דער אידישער טראדיציאָן, די שוהל איז פול מיט ספרים מכל המינים, וועלכע אידען קומען אלע טאָג און לערנען די אידישע תורה.

קומט און זעהט און באקאנט זיך מיט איהרע מנהיגים און ווארטס-פיהרער, מיט איהרע איבערגעגעבענע בעלי־בתים, וואס ארבייטען מיט גרויס ענערגיע אויפצוהאלטען אידישקייט ביי די קומענדינע דורות, שלא תשתכח תורה מפי זרע ישראל, די געבאָרענע ביאליסטאָקער בעלי בתים, וועלכע האלטען אָן די טראדיציע פון זייער אלטע בא־ליעבטע שטאָדט, וועלכע איז אלע מאָל געוועזן דער מיטעל פונקט פון אלע אידישע טהעטיגקייטען אויף אלע געביטען, קוקט זיך צו צו די אלע זאכען און לערענט זיך אָפ, ווי אזוי א שוהל קען זיך ארויפארבייטען דורך די ארבייט פון איה־רע איבערגעגעבענע מעמבערס, און זעהט אז ביי אייך אין די שוהלען זאל אויך געארבייט ווערען אין דעם זעלבען וועג, און דאן וועלען מיר אלע צוזאמען קענען פיעל לייס־טען פאר די אלגעמיינע אידישע אינטערעסען, אין רעלי־גיעזען און נאציאָנאלען זין.

אלס רב אין ביאליסטאָקער שוהל פאר די לעצטע צעהן יאהר, וועלכער קען אלע איהרע ראשים ומנהיגים, אויך אלע איהרע מיטהעלפער, איך בין אויך באקאנט מיט איהר געשיכטע פון דער ערשטער צייט זינט זי האָט זיך גע־גרינדעט, און ווייס זייערע שטרעבונגען און האָפענונגען, ווינש איך זיי גרויס ערפאָלג אין אלע זייערע ווייטערדיגע אונטערנעהמונגען, אז די שוהל זאל טאקע זיין לתהלה לשם ולתפארת בישראל, איהר זאָלט מקיים זיין דעם פסוק: „וקדשתם את שנת החמישים שנה וקראתם דרור״, אז דער 50טער יאהר זאָל ביי אייך זיין הייליג מיט דעם וואָס וקראתם דרור, וואס איהר זאָלט פריי מאכען די שוהל פון אלע איהרע שולדען, קודש היא תהיה לכם, ווען זי וועט זיין הייליג און פריי, וועט זי אלע מאָל זיין ביי אייך, און ניט אריין פאלען חס ושלום אין אנדערע הענט, און יעדען פון די מעמבערס ווינש איך געזונד און פרנסה ואריכת ושנים.

און לויט ווי די גמרא זאָגט אונז, אז „עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבחוץ לארץ שיקבעו בארץ ישראל (מגילה כ״ט) ווינש איך אז דעם הונדערט יעהריגען יובי־לעאום זאלען מיר פייערען אין ארץ ישראל, בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# אַ באַגריסונג

פון הרב חיים שרגא בראדסקי
בעל המחבר: מעשה חש״ב ודברי חש״ב.

מיינע טייערע לאנדסלייט!

אַיהר פרעהט זיך היינט, און איהר האָט ווירקליך מיט וואָס זיך צו פרעהען! איהר מעגט שטאָלצירען מיט אייער פערגאנגענהייט, און אויך מיט אייער געגענווארט. מיט דער פערגאנגענהייט מעגט איהר שטאָלצירען, ווייל: אונטער די 50 יאהר פון אייער עקזיסטענץ, זיינען נאָך פילע אידיש אָרטאָדאָקסישע געמיינדען געגרינדעט גע־וואָרען, און וואו זיינען זיי היינט? פילע פון זיי זיינען אין גאנצען אונטערגעגאנגען, נאָר צוליעב אונאייניגקייט, שמאָלקעפיגקייט און לאנג-צינגערקייט! און מאנכע פון זיי זיינען אין דעם לויף פון דיזער צייט „רעפאָרמירט״ גע־וואָרען אויף אזוי ווייט, דאָס עס בלייבט אונז צו פרעגען: זיינען דאָס די פרוכט פון זייערע אָרטאָדאָקסישע פאטערס, גרינדער פון אידישע שוהלען?! און צום בעדויערען מוזען מיר ענטפערען א טרויעריגען נ י י ן! נו זיי אליין איז נאָך א האלבע צרה! אבער זייערע קינדער וועלען אסימילירט ווערען, דאס זיי וועלען זיך שעמען מיט דעם נאָמען איד!

אָבער ביי אייך מיינע ליבע גרינדער פון די „אנשי חסד״ מיט פופציג יאהר צוריק איז דאָ א בעוויז דאס איהר האָט דאן ביים גרינדען געמיינט טאקע נאָר לשם שמים, ווייל די נאָכקומער אייערע זיינען געבליבען ביי די אלטע כשר׳ע טראדיציאָנען און מנהגים, ביי דעם געטהי־נען שלום ואחדות, ביי תורה ועבודה, וואס איהר זייט א כבוד פאר אלע איבעריגע לאנדסלייט, און פאר דעם כלל ישראל.

השם יתברך זאל געבען דאס אין גיכען זאל מקוים ווערען אויף אייער שוהל דאס וואס די גמרא זאגט אין מגילה דף כ״ט, בביאת גואל, וקיבוץ גליות לעיר קדשינו במהרה בימינו, אמן.

# זכרונות פון אַ מעמבער

וואס איז איינער פון די קויפער מבית הכנסת אנשי ביאליסטאָק, צום פופציג יעהריגען יובילעאום פעברואר דען 26טען, 1928

פון לואיס קאָהן

אַויפ׳ן פערלאנג פון עלטערע מעמבערס, וואס האָבען אנטהייל גענומען אין קויפען און אויפפיקסען די שוהל. (לייקאר אנג. [illegible]) קאם „ביאליסטאָקער אנשי חסד״, וועלכע האָט געהאכ גענע שוהל אין 82 אָרטשארד סטריט. דער בא־ ער ר׳ אהרן באָיארסקי איז דאן געוועזן פרעזידענט, יל דיעזע שוהל איז געוואָרען צו קליין פאר אלע טאָקער, וועלכע זיינען געוועזן אין ניו יאָרק, אויך י נייע אריבערגעקומענע, וועלכע פלעגען קומען

וי די שוהל האָט דורכגעמאכט די 23 יאהר צייט, איז אין ווילעט סטריט, וועט געווים שרייבען קרעטער מר. יוסף לין, וואס איז די גאנצע צייט ־ שוהל און טהוט אלעס וואס איז מעגליך צום ׳ן בעסטען פאר דער בית הכנסת אנשי ביאלים־

ווינש אלע מעמבערס מיט זייערע פרויען און ון אלע אנוועזענדע געסט ביים באנקעט זיי זאלען אמוזירען, און דערלעבען פייערען דעם 75טען [illegible] פון בית הכנסת אנשי ביאליסטאָק

איך זאל שרייבען די היסטאָריע פון דער שוהל, איך טהו ערפילען אייער פערלאנג. די אמאָליגע ביכער זיינען ניטאָ, דארום מוז איך שרייבען לויט מיין זכרון וועט מיר דיק־טירען.

ישעיה הנביא ע״ה זאגט אין קאפיטעל נ״א „הביטו אל צור חצבתם ואל מקבת בור נקרתם״ — די זעלבינע ווערטער מוז מען באנוצען צו די היסטאָריע פון שוהל, די בית הכנסת אנשי ביאליסטאָק איז אן אָבשטאמונג פון צוויי געוועזענע חברות, די עלטסטע איז געוועזן די חברה „אנשי חסד״, וואס איז געגרינדעט געוואָרען אין שנת תרל״ח (1878) און היינטיגעם יאהר איז גראדע 50 יאהר זינט זי עקזיסטירט, און די צווייטע חברה איז געוועזן מיט׳ן נאָמען „עדת ישרים״, זי איז געגרינדעט געוואָרען בשנת תרנ״ג, אין 1893. ווי אזוי דאָס איז פעראייניגט געוואָרען, וועל איך באשרייבען. איך בין אָנגעקומען אין אמעריקא אין 1886. שבועות בין איך געקומען אין דער שוהל אנשי חסד, זי איז דאן געוועזן אין 101 העסטער סטריט, זעהר אין א קליינעם פארמאט, אויף אן אויבערש־טען פלאָר איבער א סאלון. דער קבלת פנים צו מיר איז געוועזן א קאלטער, טראָץ דעם וואס פילע מעמבערס האָבען מיר געקענט. נאָכ׳ן דאווגען האָב איך געפרעגט א טראָסטי, ווארום מען האָט אויסגעקליבען אזא פלאָץ פאר א „מקום קדוש״, וואס עס פאסט ניט פאר ביאליסטאָק, וואָס איז א עיר ואם בישראל. ער האָט מיר געענטפערט

אז זיי האבען שוין די שוהל אכט יאהר צייט און פאר זיי איז די שוהל זעהר שעהן, אויב דיר געפעלט ניט, טריי צו מאכען א שענערע און א גרעסערע. איך האָב צוגעזאָגט אז „כי ירחיב ד׳ את גבולי״, וועט מען איה״ש זעהן טרייען צו האבען א גרויסע און שעהנע שוהל, עס זאל פאסען פאר ביאַליסטאָק.

אז די אימיגריישאָן איז פארמערט געוואָרען און עס איז אָנגעקומען מעהר ביאַליסטאָקער און די שוהל איז גע־וואָרען צו קליין, האבען זיי געמופט אין א גרעסערען פלאַץ אויף אין העסטער סטריט. אזוי האָבען זיי געהאלטען אין מקיים זיין דעם „ויסעו און ויחנו״, אז עס האָט זיך גע־גרינדעט די חברה עדת ישרים און זיי האָבען געדונגען א הויז אין ברום סטריט און איינגעפיקסט א שעהנע שוהל אין א גאנץ קורצע צייט איז אריין געקומען פילע מעמ־בערם. די אנשי חסד האבען מקנא געוועזען די עדת ישרים, האָבען זיי געקויפט א הויז אין 82 אָרטשארד סטריט און איינגעפיקסט א שעהנע שוהל. זיי האָבען אָנגענומען נייע מעמבערם וגם אני בתוכם, און אז עס איז געוואָרען צו קליין די שוהל פאר די פילע אָנגעקומענע מעמבערם, האָט מען געפלאנט צו מאכען א גאלערי פיר פרויען, אום עס זאָל צוקומען מעהר סיטס פיר מענער.

מען האָט גערופען ארכיטעקטארס און בילדערס, אין זיי האבען געגעבען עסטימייטס. די ארבייט האט בע־דארפט קאָסטען עטליכע טויזענט דאָלער, און עס האָט ניט געלוינט, ווייל קיין פילע סיטס וואלט ניט צוגעקומען.

מר. סעם גרינשטיין איז געווען דער פרעזידענט פון שוהל, און נאָך איניגע מעמבערם האָבען ניט דערלאָזען דאָס צו טאָהן. ביי די מיטינגען האָט מען שטארק אגי־טירט מען זאָל פעראייניגען די אנשי חסד מיט די עדת ישרים, אום מען זאל אין שטאַנדע זיין צו קויפען אַ גרויסע שעהנע שוהל, עס זאל זיין פלאַץ פאר א בית המדרש צו לערנען און א בית הכנסת צום דאווגען. (דער תלמוד רופט עס א „בית מקדש מעט״). מען האָט אפּאָינטעט קאָמי־טעס פון ביידע חברות און מען האָט שטארק געארבייט אויסצופיהרען די פעראייניגונג. וואָכען און מאָנאַטען זיי־נען אוועק און צוליעב נארישע קליינגקייטען האָט מען ניט געקענט אויספיהרען די פעראייניגונג, און עס האָט אויסגעוויזען אז עס וועט קיין מאָל ניט דורכגעפיהרט ווערען.

די אנשי חסד האָט באשלאָסען ביי איין ספעשעל מיטינג אז זי זאל אליין קויפען א שוהל, און מען האָט זיך גענומען נאָכזוכען די פאסענדע פּראָפּערטי, עס זאל פּאסען דערצו. מיר האָבען זיך דערוואוסט אז די באַב־טיסטישע טשוירטש פון 7-9-11 ווילעט סטריט איז צום פערקויפען. שלמה גרינשטיין און יצחק קרעשעס „תהי נפשם צרורה בצרור החיים״ און איך, זיינען געגאנגען צום איידזשענט און אָנגעפאנגען האנדלען מיט איהם. דער פרייז איז געוועזען $125,000. נאָך פילע מיה און האנד־לונגען האָבען מיר געקויפט די טשוירטש און א פּראָפּערטי לעבען דעם פאר דעם פרייז פון $105,000. צו באצאהלען די גאנצע סומע אין קעש. מיר האָבען געגעבען $1,000

א דעפּאזיט, דאס וואר דעם 3טען מאי, 1905, און דעם 10טען מאי צוטראָגען נאָך $5,000, און דער טייטעל זאל גענומען ווערען דעם 3טען אויגוסט, 1905. מען האָט גלייך פאררופען א ספעשעל מיטינג און זיי ערקלערט וואס מיר האָבען געקויפט. אלע מעמבערם בקול אחד האָבען געזאָגט אז זיי זיינען פאָלקאָם צופרידען, און אלע האָבען גענומען טאנצען און זיך קושען איינע מיט די אנדערע.

ווער עס האָט ניט געזעהן די שמחה, וואס עס וואר דעם אָווענט, האָט קיין שמחה ניט געזעהן אויף זיין לע־בען. מען האָט אפעלירט צו אלע מעמבערם וואס האָבען געלד אין די ביינק זיי זאלען ארויסנעמען די געלד פון די ביינק און עס בארגען צום שוהל, און מען וועט זיי צאָהלען זעקס פּראָצענט אינטערעס, אנשטאט די ביינק צאָהלט זיי 3 פּראָצענט. מאָנטאג פריה איז געוועזען א געלויף פון מעמבערם אין מיין סטאר, 357 גרענד סטריט, און יעדערער האָט געבראכט געלד וויפיעל ער האָט געהאט. לערך 2,000 דאָלער איז אריינגעקומען דעם טאָג, דאָס האָט גע־געבען קוראזש אלע ביאַליסטאָקער לאנדסלייט צו ווערען טהעטיג אין דער ארבייט פון שאפען געלד. מר. יוסף ליפּניק איז געוואָרען האָנאָרערי סעקרעטער און יוסף לין אסיסטענט. מען האָט געשיקט לעטערם צו אלע לאנדס־לייט זיי זאלען אונז העלפען אין דער גרויסער שווערער אונטערנעמונג צו שאפען די נויטיגע געלד. מען האָט גע־קריגען איין ערשטען מאָרטגעדזש פון 43,000 דאָלער אין מעטראָפּאליטאן סייווינגס ביינק, די פּראָפּערטי לעבען ש׳הל האָט געבראכט 40,000 דאָלער; די שוהל אין אָרט־שארד סטריט האָט געקויפט ברודער וואשליקאָווסקי פאר די סומע פון 16,000 דאָלער; א צווייטען מאָרטגיידזש האָט מען געקריגען אויף 6,000 דאָלער.

מען האָט ווידער אָנגעפאנגען צו ארבייטען וועגען פעראייניגען די עדת ישרים מיט די אנשי חסד און נאָך

[illegible] ...ייזלונגען

...ט דעם

...ן האָט

...והרה א

...יי דער

...ענומען

...3טען,

...נם האָט

...עוועזען

...רעסטען

...ארטשט,

...לט, אזוי

...ומאה —

...זטע און

...איז גע־

[illegible] ...עטען איינגעפיקסט

פאר א „תלמוד תורה״ מיט׳ן נאָמען רבי שמואל מאהלי־ווער ע״ה, מען האָט נאָכהער געבילדעט א נ״ע תלמוד

# זכרונות

## פון בית הכנסת אנשי ביאליסטאק

7-11 ווילעט סטריט, ניו יארק

געשריבען פון סעקרעטער

**יוסף לינן**

בעפאר איך פאנג אן שרייבען מיינע זכרונות, וויל איך באמערקען צו די לעזער, דאס איך וועל שרייבען די פאסירונגען אן שמייכלעריי אדער פארטייאישקייט, נאר אמת'ע פאקטען לויט מיינע עראינערונגען. און אויב עטוואס וועט דורכגעלאזען ווערען, וועט דאס זיין ניט אבזיכטליך, נאר ווייל „כל מילתא דלא רמיא עליה דאינש לאו אדעתיה“, דאס מיינט, אז אזעלכע זאכען וואס א מענש נעהמט ניט אריין אין געדאנק, איז מעגליך, ער זאל דאס פארגעסען, אדער צוליעב זייער קליינליכקייט, זיינען זיי ניט ווערט צו דערמאהנט ווערען, און ווי די גמרא זאגט, „אטו כי רוכלא ליזל וליחשב“, אז איך ברויך ניט צו זיין ווי יענער פעדלער אויסצורעכענען יעדער קליינינגקייט. איך וועל שרייבען די וויכטיגסטע פאסירונגען פון אונזער שוהל ווי זי איז ענטוויקעלט געווארען ביז וואנען זי איז געקומען צו איהר יעצטיגען שטאנד, און נאר איבער בית הכנסת אנשי ביאליסטאק, פון ווען זי איז געקויפט געווארען אין יאהר תרס״ה, אבער פון דער פריהערדיגער פעריאדע, ווען די מעמבערם זיינען געווען צוטהיילט אין צוויי חברות, עדת ישרים און אנשי חסד, וועל איך איבערלאזען א מקום להתנדר פאר אנדערע גרעסערע בעלי זכרונות, און מיט דער תפלה „שלא אכשל בעטי“ פאנג איך אן שרייבען מיינע זכרונות.

אין יאהר 1905 האט עקזיסטירט אין ניו יארק א חברה „ביאליסטאקער אנשי חסד“, וועלכע האט געהאט אן איינענע שוהל אין 82 ארטשארד סטריט. דער באוואוסטער ר׳ אהרן באיארסקי איז דאן געווען פרעזידענט, און ווייל דיעזע שוהל איז געווארען צו קליין פאר אלע ביאליסטאקער, וועלכע זיינען געווען אין ניו יארק, אויך פאר די נייע אריבערגעקומענע, וועלכע פלעגען קומען פון ביאליסטאק אין די צעהנדליגע אלע טאג, אויך ווייל די שוהל האט ניט געהאט דעם ציציהונגס-קראפט פאר דעם יונגען דזשענערייישאן, איז בעשלאסען געווארען צו קויפען א שעהנע גרויסע שוהל, וואס זאל איהר פאסען דער נאמען „בית מקדש מעט“, און אזוי ווי די ביאליסטאקער לאנדסלייט פעהלט ניט קיין מוט, ווען עס קומט צו א גרויסע גייסטיגע אונטערנעהמונג, איז בעשלאסען געווארען ניט אפצולעגען, נאר גלייך נעהמען זיך צו דער ארבייט, דאס איז געווען אין מאנאט מאי, אין יאהר 1905.

און אפגעזעהן וואס מאנכע האבען דיעזעס געהאלטען פאר זעהר א שווערע אונטערנעהמונג, איז פלוצלונג ארויס א קלאנג, אז די חברה אנשי חסד האט אפגעקויפט די גרויסע און שעהנע בילדינג, 7-11 ווילעט סטריט, פאר דעם גרויסען פרייז $67,500.00, און צו יענער צייט איז דאס געווען א געוואלדיגער גרויסער פרייז, און טראצדעם, וואס פיעלע האבען דאס געהאלטען פאר ניט אויספיהרבאר, אבער קוים האבען זיך די ביאליסטאקער אונטערגענומען, איז פאראן פאר זיי א כלל, אז אין דבר עומד בפני הרצון, און דאס מוז אויסגעפיהרט ווערען מיט פראכט און גלאנץ.

דאס ערשטע זאך האט מען צוגעצויגען צו דער ארבייט דעם בעוואוסטען לאנדסמאן מר. יוסף ליפניק, וועלכער איז דאן אויך געווען דער פרעזידענט פון ביאליסטאקער סומך נופלים, אזוי ווי היינט, און מען האט איהם אויסגעקליבען פאר עהרען סעקרעטער, און אויף זיין פארלאנג איז דער שרייבער פון דיעזע שורות, אויסגעקליבען געווארען אלס עקטיוו סעקרעטער צו די ארגאניזאציאן ארבייט, פאר וועלכע דער בעל הזכרונות וויל מקיים זיין די מצוה פון „פריעת בעל חובו“ און בעדאנקען איהם אין דער עפענטליכקייט.

אריינברענגענדיג אזעלכע קרעפטען האט זיך אנגעפאנגען א פיבערהאפטע טהעטיגקייט, און די מאשין איז אוועק מיט דער גאנצער קראפט. היינו, מען האט אפגעהאלטען מיטינגען אלע אווענד, אריינצונעהמען נייע מעמבערס, און אין צוויי מאנאטען צייט זיינען אריינגעקומען פיעל נייע מעמבערס, און די צאהל מעמבערס איז שוין געווען 400, אבוואהל עס האט זיך נאכהער ארויסגעציינט, דאס פיעלע נייע מעמבערס זיינען געווען „קקיון דיונה מעמבערס“, וואס בין לילה היה ובין לילה אבד. א באזונדער קאמיטע האט געארבייט צו קריגען מארטגיידזשעס אויף דער גרויסער סומע פון $50,000.00. צו יענער צייט איז דאס געווען ניט קיין גרינגע אויפגאבע, בפרט נאך אויף א שוהל. די קאמיטע וואס איז בעשטימט געווארען צו קלייבען דאניישאנס פון לאנדסלייט, האט

---

תורה. ווי די שוהל האט דורכגעמאכט די 23 יאהר צייט, וואס זי איז אין ווילעט סטריט, וועט געוויס שרייבען דער סעקרעטער מר. יוסף לין, וואס איז די גאנצע צייט מיט דער שוהל און טהוט אלעס וואס איז מעגליך צום וואהל און בעסטען פאר דער בית הכנסת אנשי ביאליסטאק.

איך ווינש אלע מעמבערס מיט זייערע פרויען און קינדער און אלע אנוועזענדע געסט ביים באנקעט זיי זאלען זיך גוט אמוזירען, און דערלעבען פייערען דעם 75טען יעהריגען יובילעאום פון בית הכנסת אנשי ביאליסטאק, וגם אני בתוכם.

לואיס קאהן.

קיין גרויס ערפאָלג ניט געהאַט, ווייל די גאַנצע דאָניישאַנס איז געווען לערך איניגע הונדערט דאָלאר. אז עס איז געקומען דער מאָנאַט יוני און די צייט פון נעהמען טייטעל איז געוואָרען נאָהענט, און קיין מאָרטגיידזשעס האָט מען ניט געקראָגען, און קיין דאָניישאָנס איז ניט אריינגעקומען, האָט גענומען אריינדרינגען די פארצווייפלונג, טאָמער חס ושלום וועט די אונטערנעהמונג זיין א דורכפאַל.

צו יענער צייט האָט עקזיסטירט אין ניו יאָרק א צווייטע ביאַליסטאָקער חברה מיט'ן נאָמען עדת ישרים, מיט א געדונגענע שוהל אויף גרענד סטריט, וואו דער פרעזידענט איז געווען מר. לואיס לעוויטץ, מיט א פארמעגען פון $1,600.00 אין קעש, א סעמעטערי אויף מאונט זייאָן, אויך ספרים וספרי תורות און סילווער.

דער. בעוואוסטער ברודער מר. לואיס קאהן, וועלכער האָט באַלאַנגט צוביידע חברות, האָט דאן אניטירט און געמאַכט א באוועגונג, דאָס די ביידע חברות זאָלען זיך פאַראייניגען, צוליעב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, ווייל נאָכדעם, אז עס איז געקויפט געוואָרען א גרויסע שוהל, איז פאַסענד מען זאָל זיין צוזאַמען, ווייל ברוב עם הדרת מלך, און צווייטענס, ווייל די עקספּענסעס וועט דאן פאַרקלענערט ווערען, „ונר לאחד נר למאה“, און עס איז ניט געגאַנגען אזוי גרינג, ווייל די פּרעזידענטסטוואָ האָט זיך געשטעלט אין וועג, ווער זאָל בלייבען דער פּרעזידענט, פון אנשי חסד אָדער פון עדת ישרים. אויך האָט קיינער געוואָלט מוותר זיין אויפ'ן נאָמען. אָבער נאָך פיעל אונטערהאנדלונגען איז בעשלאָסען געוואָרען, אז מען זאָל זיך פערייניגען מיט פאָלגענדע באדינגונגען: אז ביידע נעמען זאָלען ארונטערגענומען ווערען, און זאָל בלייבען נאָר איין פאַראייניגטער נאָמען „בית הכנסת אנשי ביאַליסטאָק“, און ביז נייע וואהלען זאָל מר. באַיארסקי זיין פּרעזידענט און מר. לעוויטץ וויים-פּרעזידענט, די פאַרמעגענס פון ביידע חברות זאָל איבערגעהן צו דער שוהל און דיוס זאָל זיין 2 דאָלאר א קוואַרטעל.

און ווען עס איז צוגעקומען מעהר קרעפטע, בפרט אז מען האָט צוגעצויגען צו דער ארבייט דעם באוואוסטען לאַנדסמאַן הרב רח״ש ש. בראָדסקי, דער רב פון נואַרק, וועלכער איז געווען באוואוסט פאַר א גרויסען אָרגאַנייזער, וועלכער האָט געגרינדעט אינסטיטושאָנס מיט גרויס ערפאָלג, איז די ארבייט אָנגעגאַנגען שטאַרקער און בעסער. דאָס ערשטע האָט מען געראַפעלט א רוסישען ווינרישנעם בילעט, וועלכען מען האָט געקויפט ביי אונזער לאַנדסמאַן ר' אריה ליב קאַס, ע״ה, און לויט מיין זכרון דינט מיר, האָט מען איהם נאָך עד היום ניט באַצאָהלט פאר איהם, און מיט דער הילף פון עקסטרען טרעזשורער מר. אייב סארקין, איז די ארבייט פון ראפעל געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. עס איז געבליבען די ריינע סומע פון $2,400.00, אויסער וואס דער זכה בגורל מר. לואיס שטערן ע״ה האָבען געגעבען 50 דאָלער, אויך א מנורה צום עמוד, און דיעזע סומע איז פארנוצט געוואָרען פאר אן ארון-קדש, וועלכער איז נאָך היינט-צו-טאָג א ציערונג פאר דער שוהל.

דאָס צווייטע איז געבילדעט געוואָרען א קאָמיטע פון פרויען מיט מרס. מלכה לאה וואולף אן דער שפּיצע, צו מקיים זיין די מצוה פון הדלקת הנר, צו זעהן און געפינען מיטלען צו באַלייכטען די שוהל מיט עלעקטריק. און ווירקליך, מיט שווערע מיה איז זיי געלונגען צו איינפיקסען איין שעהנעם שענדעליר און א שעהנע חופה ווי נאָך איניגע פיקטשורס.

אָבער מיט אלע גרויסע אויפטואונגען איז מען נאָך געשטאַנען ביי דעם אָנפאַנג פון דער ארבייט, ווייל מען האָט געדאַרפט פארקויפען די שוהל פון 82 אָרטשאַרד סטריט, און קריגען דעם גרויסען מאָרטגיידזש, און וואו מען האָט זיך געווענדעט, האָט מען צוריקגעוויזען. עס האָט געהאַלטען ביי א פארצווייפעלטע לאַגע, און נאָך פיעלע מיטינגען טאָג און נאַכט, האָט מען מורא געהאַט, אז מען וועט מוזען לאָזען פאַלען דעם דעפּאזיט פון $5,000.00.

און טראָצדעם וואָס „אין מזכירין מעשי ניסים“ קען איך ניט אָנרופען אונזער ישועה, נאָר מיט'ן נאָמען נס. „והנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל“, דער שומר, וואָס אויף איהם איז געשריבען אוהב ד' שערי ציון, האָט אויפגעטאָהן אין איין מיטינג, מעהר ווי ישראל אין פיעלע מיטינגען, ווייל צו יענער צייט איז אריינגעקומען אלס ברודער מר. דזשיי וואלקענבערג, א ברודער פון מר. וואלף וואלקענבערג, און ביי דעם ערשטען מיטינג, וואו ער האָט געהערט דעם באריכט, אז עס איז אוממעגליך צו קריגען א מאָרטגיידזש, האָט ער פארשפּראָכען צו באַקומען א צופריעדענע סומע.

גלייך אויף מאָרגען האָט ער באַקומען $43,000.00 אלס ערשטען מאָרטגיידזש, און $6,000 אלס צווייטען מאָרטגיידזש. די ברידער האָבען אויסגעליהען יעדערער נאָך זיין מעגליכקייט די סומע פון $13,500.00. אויך די אלטע שוהל פון 82 אָרטשאַרד סטריט איז גלייך פארקויפט געוואָרען, וואָס עס געבליבען קעש $6,500.00, און אז מען האָט געהאַט צוזאַמען א סומע פון $69,000.00, האָט מען גענומען טייטעל אויף דער שוהל, און נאָך מיט א גרעסערער ענערגיע האָט מען זיך גענומען צו דער ארבייט אָנפאַנגען אויסצוצאָהלען חובות.

דאָס ערשטע האָט מען זיך גענומען צו פייערען דעם חנוכת הבית מיט פּראַכט און גלאַנץ, ווי עס פּאַסט פאר ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט. קאָמיטעען זיינען אויסגעקליבען געוואָרען, און עס איז ערקלעהרט געוואָרען די וואָך פון חנוכת הבית פאר א יום טוב וואָך פאר אלע ביאַליסטאָקער. עס איז אראַנזשירט געוואָרען רעדנערס און חזנים פאר יעדען טאָג באזונדער, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען די ערשטע טעג פון אויגוסט פאר דעם חנוכת הבית וואָך. ווען עס איז געקומען די וואָך פון חנוכת הבית האָבען זיך טויזענדער לאַנדסלייט באַטהייליגט אין די סטריטען פון אָרטשארד, פון וואַנען מען האָט געדאַרפט אָנפאַנגען דעם מאַרטש, און ווילעט סטריט,

וואו מען האָט געדאַרפט אריינמאַרטשען, זיינען געווען באַלאַגערט מיט מענשען פון וואַגען הונדערטע האָבען געמוזט צוריקגעהן צוליעב מאַנגעל אין פּלאַץ. דער גאַנצער יום טוב וואָך איז געווען זעהר א פייערליכער, און א גרויסער מאָראַלישער ערפאָלג, כאָטש פינאַנציעל איז ער ניט געווען פון גרויס וויכטינקייט, ווי מען האָט ערוואַרטעט, ווייל אין גאַנצען איז אריינגעקומען די סומע פון $3,000.00, און לויט דעם כלל, ווער עס זיצט ביים שיסעל, נעהמט אראָפּ צו ביסעל, האָבען איינינע ארונטערגענומען געוויסע סומען פאַר זייער חוב, אז עס איז ניט פאַרבליבען אפילו איין דאָלאַר אין קאַסע פון שוהל.

די מעמבערס פון שוהל, וועלכע מען איז זיי געווען שולדיג לערך $10,000.00 האָבען גענומען פאָדערען זייערע חובות, און האָבען אָנגעווענדעט די אַלטע מיטלען, פון מעבב הקריאה זיין אָדער ניט לאָזען אָנגעהן מיט די מיטינגען. אויך אין שוהל האָט זיך געפאָדערט נייע אימפּרואוומענטס, וועלכע מען האָט געמוזט תיכף מאַכען, און דאָס האָט פאַרגרעסערט די חובות. דאָס אַלעס האָט פערשאַפט א שלעכטע שטימונג, און עס האָבען זיך שוין געפונען נביאי השקר, וועלכע האָבען נביאות געזאָגט, אז די שוהל וועט קיין קיום ניט האָבען, און וועט אפילו ניט אויסהאַלטען דעם ערשטען יאָהר. די נביאות איז ניט געווען צוליעב בייזוויליגקייט, נאָר צוליעב דעם נאַאיוועז יאוש, וואָס האָט זיך געפיהלט צווישען די מעמבערס.

אויסער דעם איז לויט דעם כלל פון דער גמרא, אז כד שלים שערי מכדא, נקיט ואתי תגרא בביתא, ווען עס פעהלט אויף-דער הוצאה ווערט א שטיקעלע מחלוקת. אזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען ווייזען סמנים פון מחלוקת אין אונזער שוהל, וועלכע איך וויל אויסמיידען אויספיהרליך צו באַשרייבען. איך דערמאַהן דאָס מעהר ניט, ווי צו באַווייזען, עס זאָל ארויסקומען בולט׳ער די גוטע ארבייט פון די בעאַמטע, וועלכע האָבען געהאָלפען אויסשמידען די גאָלדענע קייט פון ערפאָלג אין די 23 יאָהר, וועלכע האָבען געמאַכט, אז אונזער שוהל זאָל שטעהן אין די ערשטע רייען פון די גרעסטע שוהלען אין אַלע אינזיכטען.

די צייט פון ערוועהלען נייע בעאַמטע איז געקומען, און קיינער פון די ברידער איז געווען געניינט אָנצונעהמען דעם אַמט פון פּרעזידענט, ווייל עס האָט זיך געפאָדערט זעהר פיעל צייט, אויך אן אָפענעם טשעק בוך, אום גוטצומאַכען די אַלע פאַרפליכטונגען פון דער שוהל. נאָר מיט גרויס שווערינקייט און צו דעם צופרידענהייט פון אַלע צדדים, האָט דער באַשיידענער מר. סעם ראַזינסקי אָנגענומען דעם אַמט געגען זיין ווילען, און וויסענדיג די גרויסע אחריות, וואָס איז ארויפגעלעגט געוואָרען אויף איהם, האָט ער זיך גענומען צו דער ארבייט מיט גרויס ערנסקייט, און זיין האַלטען זיך האָט ארויסגערופען רעספּעקט פון אַלעמען, און וועקענדיק די ברידער צו ארבייט, האָט זיך גענומען פיהלען מער צוטרוי צו דער שוהל. מען קען זאָגען, אז ער האָט געלעגט דעם ערשטען פונדאַמענט צו דעם ערפאָלג פון דער שוהל, ווייל אין זיין צוויי יעהריגען אַדמיניסטריישאָן, איז פיעל פאַרקלענערט געוואָרען די

פּרייוועט חובות, אויך איז אויסגעצאָהלט געוואָרען 3,000 דאָלאַר אויף דעם צווייטען מאָרטגיידזש. ער וואָלט אָנגעהאַלטען דעם אַמט אויף ווייטער, נאָר ער האָט געמוזט אויפגעבען, ווייל ער האָט גענומען פיהלען סמנים פון א שווערע קראַנקהייט, פון וועלכע ער איז שפּעטער געשטאָרבען, עהרע זיין אָנדענקונג!



צאַדאָקאָף, עקס-פּרעזידענט

אויף זיין פּלאַץ איז ערוועהלט געוואָרען דער גוטבאַוואוסטער כלל טהוער מר. ל. צאַדיקאָוו, וועלכער האָט געהאַט א גוט האַרץ און איז געווען א רייכער מאַן, און אַלע פינאַנס שווערינקייטען זיינען באַזייטיגט געוואָרען. איך ערינער מיך, דאָס איך בין געקומען צו איהם פאַר א טשעק, און ווייל דאָס איז שוין געווען דער פערטער, האָט זיין בענאַבטער זוהן געוואָלט איהם אָפּהאַלטען פון צו געבען דעם טשעק. האָט ער איהם שאַרף געענטפערט און דאָך געגעבען דעם טשעק. צו זיין קרעדיט מוז צוגעשריבען ווערען, אז אין זיין אַדמיניסטריישאָן איז געגרינדעט געוואָרען די ליידיעס אַקזילערי, פון וועלכע די ערשטע פּרעזידענטין איז געווען מרס. סערלא איזאַקס, וועלכע האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דער ארבייט, מיט דעם גאַנצען פייער פון איהר ערליכע נשמה. די שוהל איז ביי איהר געוואָרען די צווייטע היים, און די הויז די צווייטע שוהל. זי מיט די איבעריגע שוועסטער האָבען צוויי יאָהר צייט אויפגעטאָהן זעהר פיעל אימפּרואוומענטס, ווי צו איינפיקסען עלעקטריק און דעקאָרירען די שוהל, וועלכע איז א ציערונג נאָך ביז היינטיגען טאָג. צו אונזער גרויסען באַדויערען האָט די גאָבעלע נשמה ניט דערלעבט צו פייערען מיט אונז צוזאַמען דיעזען גרויסען יובילעאום יום טוב. עהרע איהר אָנדענקען!

צו יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרען די תלמוד תורה רבנו שמואל מאהליווער מבית הכנסת אנשי ביא-

ליסטאָק, און מר. מעססי און מר. לעבאשיטץ זיינען געוואָרען די מנהלים. די גאנצע צייט פון דער תלמוד תורה עקזיסטענץ האָט זיך אויפגעטאָהן גרויסע זאכען, ווייל אויסער וואָס זי איז געווען א הילף פאר דער שוהל, האָט זי געמאַכט פיעלע טויזענדער אידישע קינדער פאר עכטע אי-



הרב ר׳ שמואל מאַליווער

רען. און ביז היינטיגען טאָג איז זי א ציערונג פאר דער שוהל בפרט און פאר׳ן ניו יאָרקער יודענטהום בכלל. איבערהויפט פאר די לעצטע 10-15 יאָהר פון ווען די פיהרערשאַפט פון תלמוד תורה איז איבערגענומען געוואָרען פון באוואוסטען למדן משכיל און ירא שמים, ר׳ שבתי פערלשטיין, וועלכער איז געווען איבערגעגעבען צו דער תלמוד תורה בכל לבו ונפשו, ביז היינטיגען טאָג, וואו זי ווערט געפיהרט פון אונזער ברודער היקר והנכבד מר. הורוויץ, איז זי געוואָרען בארימט מיט איהר גוטע ארבייט אויפ׳ן געביט פון חינוך. עס איז גענוג אריינצוקומען שבת און זעהן ווי די קינדער פון תלמוד תורה פיהרען אן אייגענע שוהל, אויף זייער ארט דאווענען, מיט אייגענע בעלי תפילות ובעלי קריאות, דאן קען מען באַגרייפען די הייליגע גרויסע ארבייט לטובת היהדות.

עס איז אויך ווערט צו דערמאהנען, דאָס מר. צאַריקאוו האָט באקומען א צווייטען מאָרטגיידזש, וועלכער האָט ניט געשפּאָרט קיין צייט און עקספּענס פון זיין אייגענעם פּאקעט, אבי ניט צו באצאָהלען קיינע באָנוסעס.

זעהר פיעל צייט איז געספּענדעט געוואָרען צו יענער צייט, ווענען צונויפקומען זיך מיט די בריסקער. און נאָך דעם ווי די פאראייניגונג האָט שטאַטגעפונדען, האָט זיך ארויסגעזעהן, אז דער שידוך איז ניט עולה ליפה, האָבען די בריסקער איבערגעלאָזען $500 אלס דרשה געשאַנק, און פון דעם איז גאָר ניט געוואָרען.

נאָך דריי יאָהר טהעטיגע ארבייט און ספּענדען געלט פון זיין אייגענעם פּאקעט, האָט מר. צאַריקאוו אָפּגעדאַנקט, איבערלאָזענדיג נאָר $1,600 א צווייטען מאָרטגיידזש. אָבער דער ימים נוראים איז געווען פאר׳משכנ׳ט, דאָס מיינט, אז גלייך נאָך ימים נוראים איז מען געבליבען אָהן געלט אויף צו פיהרען די שוהל. זיין רעקאָרד מעג מען אָבער אָנרופען איינער פון די בעסטע.

נאָך איהם איז ערוועהלט געוואָרען מר. סעם גרינשטיין, אלס פּרעזידענט, וועלכער האָט געפיהרט די שוהל איבערהויפּט די מיטינגען זאכליך און געשעפטס-מעסיג, און האָט געטרייעט איינפיהרען איין אריסטאָקראַטישען אויסזעהן. טאָמער האָט א ברודער זיך ניט אויפגעשטעלט ביי א וואָרט זאָגען, אָדער האָט ניט געוואוינען און געמאָסטען זיינע רייד, איז געווען הימעל עפען זיך. אָבער אין טהאט איז ער געווען נאָכגעביג, און האָט געהאַלטען פון „קול המון כקול שדי״. ער האָט קיינמאָהל ניט געפרעסט זיינע פּערזענליכע מיינונגען. אזוי איז געווען, ווען עס האָט געהאַלטען מען זאָל זיך פארבינדען מיט די פּינסקער, וואָס נאָך זיין מיינונג האָט דאָס געדאַרפט צו שטאַנדע קומען לטובת דער שוהל, נאָר ווייל די ברידער האָבען דיעזע פראגע פארוואָרפען, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט ענדערען דעם נאָמען פון שוהל, וועלכע איז ביי זיי טהייער, האָט ער נאָכגעגעבען. ער האָט איינגעפיהרט א דירעקטאָרי, וואו עס איז געצייכענט געוואָרען די נעמען און אדרעסען פון די אלע 300 מיטגליעדער פון שוהל, כדי די ברידער זאָלען זיין מעהר אינטערעסירט אין די שוהל אנגעלעגענהייטען, אָבער פיעל האָט דאָס ניט געווירקט.

דאמאלס איז געגרינדעט געוואָרען די חברה משניות מבית הכנסת אנשי ביאַליסטאָק, אווו יעדען אבענד פון 8 ביז 9 אוהר ווערט געלערענט א פרק משניות פאר א גרויסען עולם, און דיזע חברה איז אויסער וואָס זי איז א ציערונג פאר דער שוהל, איז זי אויך איינע פון די פונדאמענטען אויף וועלכע די שוהל שטעהט. דער רבי פון חברה משניות איז יעצט הרב ר׳ אהרן איסקאָלסקי, א ברודער פון אונזער רב.

אויך איז דאן געגרינדעט געוואָרען דער „לחם עניים פאָנד״, וואו עס ווערען געהאָלפען פיעלע מענשען אלע ערב שבת. מאנכע ווערען געשטיצט מיט געוויסע סומען וועכענטליך, און די שטיצע ווערט געגעבען אן אונטערזוכונגען. אויך איז געגרינדעט געוואָרען א מעות חטים פאָנד פאר פסח-וועגען, וועלכע מיר ועט נאָך אויסקומען צו שרייבען.

און כאָטש אין זיין צייט איז פיעלעס געגרינדעט געוואָרען, איז די פינאנציעלע לאגע פון שוהל ניט זעהר פיעל פארבעסערט געוואָרען, ווייל זיין טהעטיגקייט איז נאָר געווען איין יאָהר, און ביים בעסטען ווילען קען פיעלעס ניט אויפגעטאָהן ווערען אין אזא קורצער צייט. נעענדיגט דעם יאָהר האָט ער אָפּגעדאַנקט צום גונסטען פון וויים-פּרעזידענט מר. דוד אייזיקס. צו אונזער באַדויערען האָט ער ניט דערלעבט זיין מיט אונז צו אונזער יום-טוב. עהרע זיין אנדענקען.

דער ברודער דוד אייזיקס איז שוין געווען באוואוסט צו די ברידער, דורך דער צייט, וואָס ער איז געווען וויים-פּרעזידענט און טרעזשורער פון שוהל. און מען האָט געוואוסט וואָס מען קען פון איהם ערוואַרטען, ווייל אלע

מאָהל האָט ער געאַרבייט מיט ענערגי און איבערגענעבענהייט. די צייט פון זיין איבערנעהמען דעם טשער איז באַטראַכט געווען פאַר א יום ט:ב, ווייל מען האָט אין איהם געזעהן א מלאך מושיע פאַר דער שוהל, און טאַקי מיט רעכט האָט מען געלעגט זעהר גרויס האָפענונג אויף איהם.



דייוויד אייזיק, עקס־פּרעזידענט

ווייל ווי ער האָט איבערגענומען די פּרעזידענסטווא, האָט ער מיט זיין חוש פון אן ערפאָלגרייכען ביזנעס מאַן געפיהלט, אז עס מוז דורכגעפיהרט ווערען צוויי זאַכען, וועלכע וועלען מאַכען אן ענדערונג צום גוטען אין דער פינאַנציעלער לאַגע פון שוהל: די ערשטע זאַך איז, אז די תלמוד תורה רבנו שמואל מאהליווער, וועלכע ווערט געפיהרט אונטער א באַזונדערע הנהגה מיט אן אייגענעם בורזשעט, און די שוהל ניט די הויז מיט עלעקטרי און נאָך עקספּענסעס אלס נדבה, זאָל איין מאָהל פאַר אלע מאָהל אריבערגעהן אלס א ברענטש פון דער שוהל אדמיניסטריישאָן, און איהר איינגאהמע און אויסגאַבע זאָל אריינגעהן אין דעם בורזשעט פון שוהל. און אויב עס וועט זיין אן איבערפלוס פון איינגאהמע זאָל דאָס בעלאַנגען צום שוהל, און מיט דער צייט קען דאָס זיין א פאַרגרינגערונג צו דער שווערער פינאַנציעלע לאַגע פון דער שוהל. און אָבוואָהל עס איז געווען א שווערע אָפּעראַציאָן, און ניט קיין בלוטלאָזע, ווייל די אלטע מנהיגים האָבען זיך געשטעלט נעגען, וועלכע מען האָט גערופט האַלטען דין תורות. אָבער די אלע מלחמות איז געווען צו ענדע אין דעם מאָנאַט מאַרטש, און די תלמוד תורה איז אין גאַנצען אריבער צו דער שוהל אדמיניסטריישאָן;

וועלכע עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען פאַר א גרויסען ערפאָלג.

א צווייטער אויפטהואונג פון איהם איז געווען זיין ערקלעהרונג, אז מען זאָל קויפען א נייע סעמעטערי, וואָס מיט דער צייט וועט דאָס ברענגען גרויס פּראָפיט. אויף דעם זיינען אויך געווען נענוג נעגנער, מיט דער טענה, אז מען פאַרמאָגט שוין 3 סעמעטערים און מען דאַרף נאָך צאָהלען $2,500 א יאָהר אויף דעם ערשטען מאָרטגיידזש. אָבער ברודער אייזיקס האָט זיך ניט געשראָקען פאַר די אלע געגנערשאַפט און האָט געקויפט 47 פּלאַטס פאַר דער סומע פון $7,000 אויף מאונט לבנון סעמעטערי, און ביים מאַכען דעם גדר האָט ער באוויזען איינשפּאָרען איניגע הונדערט דאָלאַר.

דער שרייבער פ:ן דיזע צייל‌ען קען עדות זאָגען, דאָס דער ערפאָלג וואָס די שוהל האָט געמאַכט, האָט זי צו פערדאַנקען די 2 אויבענדערמאָהנטע אונטערנעהמונגען, און דאַרף צוגעשריבען ווערען צו זיין קרעדיט. נאָך זיין 5 יעהרליכען טערמין האָט מען שוין באַצאָהלט פאַר דער סעמעטערי, אויך אָפּגעצאָהלט אין גאַנצען דעם צווייטען מאָרטגיידזש, און די ימים נוראים איינגאַמע איז געווען פריי צו אויסגעבען אויף די לויפענדע הוצאות. דער פּרעזידענט מר. דוד אייזיקס האָט צו פאַרצייכענען א שעהנעם רעקאָרד, סאַי מיט ארבייט, סאַי מיט זיינע אייגענע גרויסע נדבות צו דער שוהל. נאָך 5 יאָהר טהעטיגקייט האָט ער אָפּגעדאַנקט צום גונסטען פון וויים־פּרעזידענט מר. היימאַן גיטעס.

דער ברודער מר. היימאַן גיטעס איז ניט געווען קיין פּנים חדשות אין ארבייט פון שוהל. איניגע יאָהר איז ער געווען וויים־פּרעזידענט, און פון יענער צייט ביז היינטיגען טאָג איז ער טרעזשורער פון תלמוד תורה. אין יעדער ארבייט פאַר דער שוהל האָט ער גענומען א האַנד און פאַרנומען א פּראָנט פּלאַץ, און די ברידער האָבען מיט אומגעדולד געוואַרט ווען ער זאָל אריין אין אמט, מען זאָל זעהן וואָס ער קען אויפטאָהן.

טראָצדעם דעם וואָס ער איז געווען באַוואוסט פאַר א שפּאָרזאַמען בעאַמטער, און זיין פּאָליסי איז שטענדיג געווען עקאָנאָמי, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז דער פּרעזידענט פון פּראָספּעריטי.

ווי נאָר ער האָט געעפענט דעם ערשטען מיטינג, איז אריינגעקומען דער עקס־פּרעזידענט מר. אייזיקס און האָט איהם פאַרטרויט, דאָס די באַנק פון ערשטען מאָרטגיידזש פאַרלאַנגט א צאָהלונג פון $8,000. די פאַרזאַמעלטע ברידער האָבען זיך פּשוט דערשראָקען, אָבער ער האָט זיי פאַרזיכערט, דאָס ער וועט זעהן, אז אלעס זאָל זיך אויסלאָזען צום גוטען. ביים צווייטען מיטינג האָט ער באַריכטעט, דאָס ער מיט דעם עקס־פּרעזידענט מר. סעם גרינשטיין האָבען גע'פּועל'ט ביי דער באַנק צו באַנוגענען זיך מיט $3,000 קעש און טויזענד דאָלאַר א יאָהר פאַר די נעקסטע 5 יאָהר.

אויף דער שווערער פראַגע וואו נעהמט מען $3000 צו באַצאָהלען תיכף, זיינען געווען מיינונגען צו נעהמען

א צוויטען מארטגיידזש. אבער ער איז געווען דאגעגען, און האט ערקלעהרט, אז אין זיין צייט וועט ער ניט ערלויבען צו נעהמען נייע מארטגיידזשעס, נאר האט פארגעשלאגען, אז מען זאל זיך נעהמען צום אלטען מיטעל פון שנארען. און כאטש דער שרייבער פון דיעזע שורות האט געדענקט, אז עס איז א חרפה צו געהן שנארען און פארשעהמען די שוהל, מוז ער צוגעבען, אז דיעזע עצה איז געווען די ריכטיגע, ווייל דורך זיין גרויסע ענערגי מיט די הילף פון אלע ברידער איז געשאפען געווארען די איבערמאהנטע סומע מיט א יתרון פון פינף הונדערט דאלאר, וועלכע דאס איז געווען א באלאהנונג פאר דער בושה.



ה. גיטעס, עקס־פרעזידענט

און גלייך נאך דעם האט זיך זיין מזל זעהר גוט צושפילט, ווייל עס איז געטאן געווארען א זאך, וואס עס האט ארויסגעהאלפען אין אלע זיינע ערפאלגען, ווייל אין זיין צייט איז אנגעקומען צו אונז אין שוהל אלס גייסטיגער פיהרער און רב, דער פיעל באוואוסטער רב, הרב הגאון ר׳ יעקב איסקאלסקי שליט״א, וועלכער האט מיט זיינע גייסטרייכע דרשות צוגעצויגען זעהר א גרויסען פובליקום, און יעדען שבת פלעגען הונדערטע מוזען צוריקגעהן צוליעב מאנגעל אין פלאץ. דורך זיינע פייערדיגע אפילס פאר׳ן שוהל און תלמוד תורה, פלעגט אריינקומען זעהר גרויסע סומען אין נדבות. און ווען עס פלעגט קומען צו אן אונטערנעהמונג איז געווען מיט וועמען זיך מיישב זיין, ווייל צו זיין אויסגערעכענטקייט און לאגיק איז ניטא קיין גלייכען, מיט דעם רב׳ס ליכטיגע פערזענליכקייט, וואס רופט ארויס גרויס דרך ארץ און איז פול מיט חן, און מיט פיינע אויסערגעוועהנליכע כשרונות האט ער מיטגעבראכט דער שוהל גרויסע ערפאלגען. אין דער לעצטער צייט, ווען זיין באגאבטער זוהן הרב מיכל שמעון איסקאלסקי שליט״א איז אונטערגעוואקסען און האט שוין געקענט ארויסקומען צום פאלק מיט זיינע גייסטרייכע פארטרעגע, פלעגט דער פאטער, אונזער רב איהם ברענגען צו יעדען אונטערנעהמונג, ער זאל זיינע פארטרעגע האלטען אין ענגליש פאר דעם יונגען דור. און דאס פלעגט דער שוהל זעהר גוטעס טאהן. עס ווילט זיך א סך שרייבען וועגען אונזער רב, ווי ער האט ערליך פארדינט מיט זיינע גוטע ארבייט פאר דער שוהל, אבער ניט דא איז דער פלאץ, ווען עס וועט אויסקומען וועלען מיר דאס שרייבען אויספיהרליך. איין זאך מוז דא געזאגט ווערען וועגען רב, און דאס איז, וועגען זיין קלוגע האלטונג אין שוהל ענינים. ער מישט זיך ניט אין קיין פאליטישע אישו פון שוהל, דאך ווערט קיין זאך ניט געטאהן אן זיין צושטימונג, און לעבט מיט ברידער ווי א פאטער מיט קינדער, נעהמט אנטהייל אין אלע זייערע פריידען און חס ושלום אין ליידען.

אז דער פרעזידענט מר. גיטעס האט באגריפען די קראפט וואס די שוהל האט געקראגען מיט׳ן רב, האט ער גלייך געמאכט א באוועגונג, מען זאל איבערבויען די תלמוד תורה און אויפבויען א מאדערנעם בילדינג מיט אלע אימפרואוומענטס. און ווי גערעדט אזוי גלייך געטאהן. דער פרעזידענט מיט די ברידער האבען געארבייט מיט גרויס ענערגיע, און די ארבייט איז געקרוינט געווארען מיט גרויס ערפאלג. דורך די אפיעלס פון אונזער רב ביים לייגען דעם ווינקעלשטיין און צום חנוכת הבית איז געשאפען געווארען כמעט די גאנצע סומע, און ארייננעהענדיג אין דעם נייעם בילדינג איז באריכטעט געווארען, אז עס איז שוין אויסגעצאהלט די גאנצע סומע, וועלכע האט באטראפען אן ערך $14,000. דאס מוז באצייכענט ווערען פאר א גאלדענע ארבייט אין מר. גיטעס׳ס אדמיניסטריישאן, אויסער וואס אין זיין צייט איז פארקלענערט געווארען דער ערשטער מארטגיידזש מיט $10,000. אויך איז אין זיין צייט געמאכט געווארען פארשיעדענע אימפרואוומענטס אין שוהל, ווי די דריי נייע שינדעלירס און נאך וואס האט באטראפען אן ערך $3,000. ביים אפדאנקען האט די שוהל געהאט נאר איין מארטגיידזש פון $33,000.

דער רעקארד פון מר. גיטעס׳עס אדמיניסטריישאן איז איינער פון די וואונדערבארסטע, און נאך דעם ווי ער איז געווען אין אמט 6 יאהר האט ער אפגעדאנקט צום גונסטען פון טרעזשורער ברודער מר. מאקס בארטה.

מר. מאקס בארטה אין דאן שוין געווען א פאפולערער פיגור און דער ליבלינג ביי אלע מעמבערס, ווייל יעדער ברודער וואס האט זיך געווענדעט צו איהם פאר א טובה, אפילו אין געלד זאכען, האט ער דאס ערפילט בסבר פנים יפות, אהנע שוועריגקייטען, און האט געגעבען אויף אזא אופן, אז יענער זאל זיך ניט געפינען ערנידעריגט. ער איז דער ריכטיגער משכיל אל דל, אז ער זאגט גוט פאר א ברודער אין באנק, און יענער באצאהלט ניט אין צייט, און ער מוז דאך גוטמאכען זיין אינדארמענט צו באצאהלען פאר איהם, ווייזט ער ניט ארויס, אז

ער זאָל האָבען אויף דעם ברודער וועלכע עס איז תרעומות און דערמאהנט איהם נאָך שטענדיג צום גוטען, און ווען ער ברויכט נאָך אמאָהל אַ טובה טהוט דאָס מר. באַרטה מיט דעם זעלבען חשק ווי דאָס ערשטע מאָהל. זיין פילאָזאָפיע איז, אז אין צדקה דארף מען זיך פיהרען ווי אין ביזנעס. אז ווען איינער באַנקראָטירט, דאָך טהוט מען מיט איהם ביזנעס אַ צווייטען מאָהל אויך, און אזוי דארף מען זיך פיהרען אין צדקה זאכען. עס ווילט זיך זאַ-

בעטען נאָך אמאָהל ביי מר. באַרטה, האָט ער ניט איבערגערעדט אַ וואָרט און עס גלייך געגעבען, נאָר ער האָט צוגעגעבען, אז יענער האָט באמת געדארפט לכתחלה 40 דאלאר, נאָר האָט ניט געהאַט די העזה צו בעטען גאנצע 40 דאלאר, האָט ער דאָס געמאַכט אויף אינסטאָלמענט. אזעלכע עצות גיט ער צו זיך אליין, אבי צו טאָהן גוטעס. דאָס איז נאָר אין באצוג צו יחידים, צו קהל׳שע אינטערעסען ווייזט ער זיך ארוים אין זיין



מאקס באַרטה, פרעזידענט

גען, רבונו של עולם, גיב אונז אַ סך אזעלכע אידען. ווען ער איז נאָך געווען טרעזשורער און עס איז געקומען שטרייך אבענד, ווען עס האָט געטראָפען, אז ברידער האָבען ניט איינגעצאָהלט זייערע דיוס, האָט ער קיינעם ניט געלאָזען שטרייכען, נאָר האָט באצאָהלט פון זיין פאָקעט, און האָט נאָך פערלאנגט, אז קיינער זאָל פון דעם ניט וויסען. עס איז כדאי צו דערצעהלען פון אזא אידען, וואָס האלט פון נתן תתן, און ווי די גמרא זאָגט אפילו מאה פעמים, ווי ער גיט זיך אַן עצה כדי צו העלפען יענעם. איינער האָט געבאָרגט אַ גמילת חסד 20 דאלאר און ער האָט ניט אָפּגעגעבען, און ווען ער האָט גע-

גאנצען גרויסקייט און גיט שווערע געלדער ווען מען ברויכט, ווי מיר וועלען ווייטער בעווייזען.

ווען אזא פערזאָן איז ערוועהלט געוואָרען אלס פרעזידענט, איז ביי די ברידער געווען אַן אמת׳ע שמחה. אויף אזוי פיעל, אז מען האָט געפראַוועט אַ סעודת מרעים מיט כל טוב כיד המלך זה הפרעזידענט,—נאַטירליך אויף זיינע קאָסטען. דער ברכת המזון האָט אריינגעבראַכט עטליכע צעהנדליג דאלאר פאר דער תלמוד תורה, און נאָך דער סעודה האָט ער צוגעלעגט פיער צעהן דאלאַרדיגע בילס, צווי פאר איהם מיט זיין פרוי מרס. באַרטה, איינעם פאר זיין ליעבען בן יחיד ישראל׳קע, ווי ער רופט איהם, וועל-

כער איז שוין יעצט אַ געענדיגטער באַגאַבטער דאָקטאָר סידני באַרטה, און איינעם פאַר זיין בת יחידה יוכבד'ל. איך דערצעהל דאָס אָן גוזמאות, אין געגענטהייל, עס איז נאָך ווייניגער ווי אין דער ווירקליכקייט.

אלס פרעזידענט פון שוהל האָט ער גענומען ווייזען וואָס אַן אָפענע האַנד מיינט. אויסער זיין גרויסען ביל אלע ערב ראש השנה, וואָס באַטרעפט העכער 200 דאָלאַר, האָט ער זיך געפיהרט די גאַנצע זעקס יאָהר פון זיין אַדמיניסטריישאָן, אַז ווען עס איז געקומען צו אַ רעפּעירינג וואָס באַלאַנגט צו זיין פאַך, האָט ער דאָס געמאַכט אויף זיין אייגענעם רעכענונג און ניט גענומען באַצאָהלט ניט פאַר מאַטעריאַל און ניט פאַר ארבייט. און מיט אַנדערע רעפּעירינגס מאַכט ער שותפות מיט דער שוהל, ער גיט די מאַטעריאַל און די שוהל באַצאָהלט פאַר ארבייט אָדער פאַרקעהרט, די שוהל גיט די מאַטעריאַל און ער באַצאָהלט פאַר דער ארבייט. ווען דער רב האָט געפאָדערט פון די מתפללים, אַז עס מוז איינגעפיקסט ווערען סטיעם היט אין שוהל, און ביי די ברידער איז בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען ריעזע אימפּרואוומענטס, האָט ער דער ערשטער געגעבען $250. די פיעלע אַדוועטייזמענטס פון זיין גאַנצע צייט, אויך אַ סך בילס פאַר פּרינטינג באַצאָהלט ער מיט זיינע אייגענע טשעקס. ווען אינסטיטושאָנס ווענדען זיך צו דער שוהל פאַר אַ נדבה און די שוהל איז ניט ביכולת צו געבען פיעל, האָט ער שטענדיג מורא, טאָמער וועט ליידען דער כבוד פון דער שוהל, דערלעגט ער פון זיינע אייגענע. מיט פיער יאָהר צוריק, ווען די שוהל האָט באַשלאָסען ניט צו ספּענדען מעהר ווי $1,500 פאַר אַ חזן פיר ימים נוראים, און עס האָט זיך געמאַכט אַ חזן, וועלכע די שוהל האָט איהם פערלאַנגט, נאָר ער האָט פאַרלאַנגט $1,700, האָט ביי דעם פּרעזידענט מעהר ניט ווי גענומען די צייט פון האַרצען צום פּאַקעט און האָט דערלעגט די צוויי הונדערט דאָלאַר פון זיינע אייגענע. דאָס זעלבע האָט שוין געטראָפען מיט אַ כאָהר לידער, וואָס האָט 2 טעג פאַר סליחות געבעטען אַ הוספה, ווען ניט, קומט ער ניט צו סליחות. האָט מר. באַרטה געטעטעלט מיט איהם פון זיינע אייגענע געלד. און ער היום ווייסט קיינער ניט וויפיעל דאָס האָט געקאָסט.

ער פיהרט זיך צו געבען 6 טאָן קוילען יעהרליך פאַר די סטיעם היט, פאַר זיך מיט זיין פרוי צו צוויי טאָהן, און פאַר זיינע קינדער צו איין טאָהן. עס איז ווירקליך אַ שאָד וואָס ער האָט ניט נאָך עטליכע קינדער, אָבער לאָמיר האָפען און ווינשען, דאָס אין גיכען זאָל ער באַקומען אַ שנוהר מיט אַ איידעם און ווייטערע דורות, וועט דאַן קיין זאָרג ניט זיין וועגען קוילען.

ווען עס קומט צו אַ קאָנצערט ווי חנוכה, איז ער דער ערשטער צו נעהמען פאַר $50 טיקעטס. די בעסטע צייט פאַר איהם ארויסצואווייזען זיין גוטהערציגקייט צו דער שוהל, איז דער חדש אלול, די צייט פון פאַרקויפען טיקעטס פאַר ימים נוראים. ווען עס קומט אַ קאָסטאָמער, וועלכער דער סעקרעטער קען מיט איהם ניט דורכקומען מיט דעם פּרייז, איז דער מר. באַרטה אויפ'ן פּלאַץ, און שטילערהייט דערלעגט ער דעם קאָסטאָמער פון זיין פּאַקעט, אבי דער סייל זאָל שטאָטפינדען. און אלע יאָהר האָט ער אַזעלכע קאָסטימער זעהר פיעל אין צאָהל. עס איז פאַראַן נאָך זעהר פיעל צו דערצעהלען, אָבער דאָס איז ניט צו פאַרעפענטליכען, דאָס איז נאָר אלס זיינע פערזענליכע מדות אלס נדבן און ותרן. וואָס עס איז נוגע דער שוהל אלס פיהרער און פּרעזידענט איז ער זעהר טאָלעראַנט און אַ גרויסען סבלן. ער קומט קיין מאָהל צו די באַצאָהלטע בעאַמטע מיט אַ לשון צווי, אָדער פריקאַז, נאָר ער רעדט מיט העפליכקייט און טאָלעראַנץ. ער האַלט פון דער גמרא „הקונה עבד בקונה ארון לעצמו". אין זיין גאַנצען פיהרונג באַווייזט ער, אַז ער איז אַ משרת ביי די מעמבערס, און האָט קיינמאָהל ארויסגעוויזען, אַז ער איז זייער הערשער, אויך ווי די גמרא זאָגט, „לא שררות אני נותן לכם, אלא עבדות אני נותן לכם", דאָס מיינט, אַז פּרעזידענטסטוואָ איז ניט נאָר אַן אַמטליכער כבוד, נאָר אויך אַ בעדיענען פאַרפליכטונג. אין זיין טערמין איז קיינמאָהל ניט פאָרגעקומען רייבונגען צווישען די ברידער. ווען איין מאָהל האָט ער געהאַט נעגען זיך אַן אָפּאָזיציע, האָט ער דאָס תיכף שטיל געמאַכט מיט זיין גרויסען סבלנות. איך קען איהם אַנדערש נישט באַטיטלען סיידען מיט דיעזען נאָמען, אַ פּרעזידענט מיט אָפענע הענד און אַ צוגעמאַכטען מויל.

צו זיין קרעדיט קען פאַרצייכענט ווערען פאָלגענדעס : דאָס דער מאָרטגיידזש איז פאַרקלענערט געוואָרען מיט $14,000.00 און אימפּרואוומענטס איז געמאַכט געוואָרען אויף $12,000.00, אריינגערעכענט די סטיעם היעט. ער האָט אויך איבערגענומען אַ חוב פון $1,650, וועלכער איז יעצט נאָר אויף $500, און אין זיין טערמין האָט די שוהל באַקומען דעם שעהנסטען נאָמען פון אלע שוהלען, מיט די גרויסע סומען וואָס איז געגעבען געוואָרען צו די גרעסטע אינסטיטוציאָנען. זיין טהעטיגקייט איז נאָך ניט צו ענדע, און כל זמן ער איז אין אמט, קען מען האָפען אויף גרויסע טהאַטען, וועלכע ער וועט אויפטאָהן. דיעזער פּרעזידענט האָט מיט רעכט פאַרדינט, אַז אין זיין צייט זאָל מען פייערען דעם 50-יעהריגען יובילעאום.

און ווי דער חכם מכל אדם האָט געזאָגט, אז מושל מקשיב על דבר אמת כל משרתיו צדיקים, ווי די גמרא דרשנ'ט, אז ווי דער פּרעזידענט אזוי אויך זיינען זיין גאַנצער סטעף פון בעאַמטע, ווי דער ערשטער וויים-פּרעזידענט מר. מאָרים פינקעלשטיין, דער צווייטער וויים-פּרעזים פינקעלשטיין, טרעזשורער און ר' שלמה בע מר.

ן אלס סעקרעטער. מיט רעכט קומט די בעאַמטע
יט און אנערקענונג, ווייל ווען מר. באָיארסקי
רגענומען דעם גמילת חסד לערך 10 יאָהר
אין קאסע געווען נאָר $450 און די הלואות
.ן נאָר 10 דאלאר צו איין ברודער, און היינט,
ט ער לערך צוויי און אַ האלב טויזענט דאלאַ
זלואות אין צו $100.
די אלע נאָבעלע און הייליגע אינסטיטושאָנס
שעהנע צווייגען צו דער בוים פון בית הכנסת
ליסטאָק, און צוזאמען ביי די גוטע אומשטענד
שוהל קוקט דאָס אוים ווי אַ שעהנער פרוכטב
ארומגענומען מיט פּראַכטפאלע צווייגען, אויף
עם הענגען גוטע אויסזעהענדע פרוכט אין אַ
ר-טאָג. נאַטירליך וואָלט שעהנער אויסגעקוקט
בוים וואָלט ניט געהאַט קיין שאָטען פון קיין
זש, ווייל אזוי ווי דער בית המקדש האָט ניט

מאָרים פינקעלשטיין

לואים דייווים, וועלכע האָבען מיט דער גרעסטער ענערגי געהאָלפען אין יעדער אונטערנעהמונג, עס זאָל געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג. אויסער זייער ארבייט האָבען זיי זיך שטענדיג אָפּגערופען מיט די גרעסטע דאָניישאָנס צו דער שוהל, באַזאָנדערס דער וויים-פּרעזידענט מר. מאָרים פינקעלשטיין.

דער טרעזשורער מר. לואים דייווים איז נאָר אַ מאָד-נער איד. וויפיעל טעג עס איז פאַראַן אין יאהר, אזוי פיעל מאָהל איז ער געווען אין שוהל, פרעגען דעם סעקרעטער פיל-ייכט האָט ער עטוואָס צו ערפילען, וואָס עס בעלאַנגט צו זיין אמט. דעם גאַנצען מאָנאַט אלול, וואָס דאַן קומט אריין געלד אין שוהל, איז כמעט וואָס ער געפינט זיך דאָר-טען טאָג און נאַכט.

דער רעקאָרד פון פּרעזידענט מר. באַרטה מיט זיינע ארויסהעלפער וועט ווערען פארשריבען אלס דער ברילאַנ-טענער.

עס איז דאָ אין שוהל אַן אמט, וועלכער איז איינער פון די וויכטיגסטע, סאי אין ארבייט סאי אין כבוד, וואָס ער פארשאַפט. דאָס איז די גבאות אויבען אין ש:הל. די גאַנצע יאָהרען ביז מיט דריי יאָהר צוריק איז דער ערשטער גבאי געווען דער באַשיידענער מר. מאיר קאהן, ע"ה, דער גבאי שני איז געווען מר. גראָסמאַן, און מיט רעכט קען מען זאָגען, אז זיי האָבען ערפילט דיעזען אמט עהרענהאַפט מיט גרוים טאַקט.

פאר די לעצטע דריי יאָהר באַקליידען דיעזען אמט אלס ערשטער גבאי מר. היימאַן גיטעס און דער צווייטער גבאי, מר. אהרן באָיארסקי, מיט אַ הפסקה פון איין יאָהר, וואָס דאַן איז געווען מר. משה חיים מארקוס גבאי שני. די גבאים האָבען פאר זיך אַ שווערע אויפגאַבע, יעדען שבת ויום טוב צו טהיילען עליות, איינטהיילען יעדען אן עליה לפי כבודו, און אין דער זעלבער צייט זעהן, אז עס זאָל אריינקומען אַ שעהנע הכנסה פאר דער שוהל.

אין דעם קומט זיי צוהילף דער ערשטער טראַסטי, מר. משה זאב פּארמאַן, וועלכער איז אין זיין אמט פאר די לעצטע 15 יאָהר, אויסער וואָס ער אטענדעט זיין אמט, איז ער אויך מכבד את ד' מגרונו, און יעדען יאהר דאַווענט ער די דריי שחריתים אינטען אין בית המדרש, אויך אין שוהל דאַווענט ער, ווען מען איז איהם מכבד.

די שוהל פארמאָגט אויך אַן אַלטען אנטיק אין דעם פערזאָן פון ר' בנימין בערענשטיין, וועלכער האָט שוין ב"ה באַלד דערלאַנגט צו די גבורות. אָבער ער איז פון יענע זקנים, וואָס כל זמן שמזקינין דעתם מתישבת עליהם, דאָס מיינט, וואָס ער ווערט עלטער ווערט ער אַלץ קלי-נער און ערפארענער. ער איז שוין גבאי ראשון פון בית המדרש קרוב 18 יאָהר. ער געהט ארום מיט דער באַקס צווישען די מתפללים און זיצט גאַנצע טאָג ביי דער קערה. אין זיין טערמין פון גבאות האָט ער אויסגעקלאַפּט פון פענים די סומע פון $14.050. ווען עס קומט דער מאָ-נאַט אלול, איז ער דער גאַנצער סיילעסמאַן פון די סיטס אין בית המדרש, און פארבויגט זיין וועכענטליכען פארגע-ניגען, וועלכער ער איז געוואוינט צו פאָהרען יעדען זאָנ-טאָג צו זיין טאָכטער מרס. הירשפעלד, אבי ניט אָנווע-רען עטליכע סיילס פאר טיקעטס. פיעלע מאָהל רופט איהם זיין טאָכטער צום טעלעפאָן און ער ענטפערט, אז ער איז זעהר ביזי, ער מוז זיין אין שוהל.

אויך זיין שותף אין גבאות און אבן גילו אין עלטער ר' ליב יאנאָווסקי, וועלכער איז דער גבאי שני אין בית המדרש שוין דעם צווייטען יאָהר, האָט געמאַכט זיין גע-וואָהנהייט ניט לאָזען צו ספענדען געלט אויף אלע קליי-נע רעפּעירינגס און אלעם מאַכט ער מיט איינענע הענד. דורך דעם שפּאָרט ער איין באַדייטענדע סומען. השם יתברך זאָל זיי געבען אריכת ימים.

יעצט וועל איך אויסרעכענען אלע אינסטיטושאָנס,

וועלכע באַלאַנגען צו אונזער שוהל און שטעהען אונטער איהר אויפזיכט:

א. די תלמוד תורה רבנו שמואל מאהליווער, וועלכע עקזיסטירט שוין 18 יאָהר, און איז איינע פון די בעסטע תלמוד תורות, וואו עס לערנען אן ערך 150 קינדער, פיעלע פון זיי אָהן געצאָהלט. זי באַקומט ניט קיינע שטיצע פון אנדערע קוועלען אויסער דער שוהל. די הויפט איינגאַמע איז דורך די אַפּיעלס וואָס עס ווערט געמאַכט פון אונזער רב 4 מאָהל דורך דעם יאָהר צו הזכרת נשמות. דער נייער פּרעזידענט פון דער תלמוד תורה, ר׳ זלמן הורוויץ ווייזט צו זיין זעהר איבערגעגעבן און גיט אָפּ זעהר פיעל צייט צו פארבעסערען און פארשעהנערען דעם גייסטיגען מצב פון די למודים. מר. היימאַן גיטעס איז שוין פאר דער גאַנצער צייט טרעזשורער און ארבייט אָנצוהאַלטען די גוטע מאטעריאַלע לאַגע פון תלמוד תורה.

ב. ליידיעס אוקזילערי, וועלכע עקזיסטירט שוין אויך 18 יאָהר, און איהר אויפגאַבע איז צו שטיצען די תלמוד תורה און טאָהן גוטע ארבייט פאר דער שוהל. דער פּרעזידענט איז יעצט מר. אהרן באָיארסקי. אויך טהוט זי ארבייט פון מלביש ערומים, און קליידען אָרימע קינדער. אויך ווען א אָרימער קינד ווערט בר מצוה טרייען זיי צו פייערען די בר מצוה ניט ערגער ווי ביי א רייכען. די וויס-פּרעזידענטין איז מרס. ה׳ גיטעס און טרעזשורערין איז מרס. ב. אַטענשטיין.

ג. חברה משניות, געגרינדעט שוין אויך אן ערך 18 יאָהר, וואו אַלע טאָג ווערט געלערענט אין אָווענד א פּרק משניות, און איז א ציערונג פאר דער שוהל. דער רבי איז ווי געזאָגט שוין הרב ר׳ אהרן איסקאַלסקי. די גבאים זיינען ר׳ משה חיים גאָלדשטיין, וועלכער לערענט אויך אַלע שבת פריה מיט אן עולם א פּרק משניות און שבת פארנאַכט עין יעקב, און צווייטער גבאי איז ר׳ בנימין בערענשטיין.

ד. לחם עניים פאָנד, וועלכע איז שוין אויך לאַנג צוריק געגרינדעט געוואָרען, פיר דעם צוועק צו העלפען אָרימע מענשען מיט א נדבה בדרך כבוד. אַלע ערב שבת ווערט צוטהיילט א באַדייטענדע סומע.

ה. מעות חטים פאָנד, צו באַזאָרגען די אָרימע איידען פון דיעזען געגענד מיט אַלעם וואָס זיי ברויכען האָבען אויף פסח. א קאָמיטעע פון שוהל מיט ברודער מר. וויליאַם קאהן אן דער שפּיצע, אויך זיין נאָבעלע פרוי ריזל די טאָכטער פון ר׳ ליב חזן ע״ה, מיט נאָך מיטגליעדער פון זיין משפּחה, קומען יעדען פאר פּסח, און צוטהיילען מצה, פלייש, טעה, צוקער און גרויסע סומען אין קעש צו אַלע, וואָס ווענדען זיך און שטעלען אויס א האַנד.

חשובה בעלי בתים ווערט געגעבען גרעסערע סומען. דער פאָנד בעטרעפט העכער $3,000 יעהרליך.

ו. חברה קדישה, צו אַטענדען צו א ברודער לאחר מאה שנה. א צאָהל מיטגליעדער פון די שעהנסטע און בעסטע פון די מעמבערס, ווערען אויסגעקליבען אַלע יאָהר

ומען מיט דעם פּרייז, איז דער מר. בארטה א
און שטילערהייט דערלעגט ער דעם קאָסטאָ
ין פּאַקעט, אבי דער סייל זאָל שטאַטפינדען.
אָהר האָט ער אזעלכע קאָסטימער זעהר פיעל
עס איז פאַראַן נאָך זעהר פיעל צו דערצעו
דאָס איז ניט צו פארעפענטליכען, דאָס איז
יינע פערזענליכע מדות אלס נדבן און ותרן. ו
ז נוגע דער שוהל אלס פיהרער און פּרעזידענט
זר טאָלעראַנט און א גרויסען סבלן. ער קומט
צו די באַצאָהלטע בעאַמטע מיט א לשון צווי, א
ו, נאָר ער רעדט מיט העפליכקייט און טאָלערנ
לט פון דער גמרא „הקונה עבד כקונה אדון לעצ
ן גאַנצען פיהרונג באַווייזט ער, אז ער איז א מי
מעמבערס, און האָט קיינמאָהל ארויסגעוויזען,
זייער הערשער, אויך ווי די גמרא זאָגט,
אני נותן לכם, אלא עבדות אני נותן לכם", ד
אז פּרעזידענטסטוואָ איז ניט נאָר אן אמטליכ

ביי דער ווהל אין ראש חודש כסלו, צו זעהן, אז יעדער בר מינן רחמנא לצלן זאָל אויס:עריכטעט ווערען כדין וכדת, און באקומען זיין הייליגען אָרט לפי כבודו. און די ערנסקייט מיט וועלכע די ברידער פון חברה קדישה באַנעהמען זיך צו זייער פאראַנטוואָרטליכע הייליגע ארבייט, איז צו באַוואונדערען. ביי די יעהרליכע סעודות וואָס עס ווערט געמאַכט אַלע ט״ו כסלו, האָט זיך אונזער רב פיעל מאָהל אויסגעשפּראָכען, אז ער באַוואונדערט די הייליגע ארבייט פון די מתעסקים, ווי זיי זיינען נזהר צו טאָהן אַלעס נאָך די אידישע דינים און מנהגים. די גבאים זיינען יעצט ר׳ אהרן באָיארסקי און ר׳ משה חיים מאַרקוס.

ז. קוילען פאָנד, צו בעהייצען די שוהל. ר׳ יוסף גאָלדבערג האָט זיך געמאַכט פאר זיין אויפגאַבע צו מאַכען קוילען נדבות פאר דעם גאַנצען ווינטער, וועלכע מען ברויכט אן ערך 35 טאָהן קוילען. און מיט זיין העלדען שטימע לאָזט ער ניט אויס קיין געלעגענהייט צו אַפּעלירען פאר קוילען, און קיינער קען זיך ארויסמאַכען פון זיינע הענד. ווען עס זאָל זיך טרעפען אזא העלד וואָלט ער פאַרדינט דעם קאָנגרעס מעדאַל.

ח. ואחרון חביב, דער גמילת חסדים פאָנד, וועל-

בער פארמאָגט יעצט $2,400.00, און יעדער ברודער האָט א רעכט צו באָרגען 100 דאלאר בדרך כבוד אָהן אינטע-רעסט, אויף וועכענטליכע אָפּצאָהלונגען. דיעזער נאָבע-לער פאָנד ווערט פארוואלטעט פון א באָארד אָף דירעק-טאָרס מיט פרעזידענט מר. אהרן באָיארסקי בראש, מר. מאָרים פינקעלשטיין, טרעזשורער און ר׳ שלמה בערמאן, שמש אלס סעקרעטער. מיט רעכט קומט די בעאמטע גרויס קרעדיט און אנערקענונג, ווייל ווען מר. באָיארסקי האָט איבערגענומען דעם גמילת חסד לערך 10 יאָהר צוריק, איז אין קאסע געווען נאָר $450 און די הלואות זיינען געווען נאָר 10 דאלאר צו איין ברודער, און היינט, פאר-מאָגט ער לערך צוויי און א האלב טויזענט דאלאר און די הלואות אין צו $100.

די אלע נאָבעלע און הייליגע אינסטיטושאָנס זיינען זעהר שעהנע צווייגען צו דער בוים פון בית הכנסת אנשי ביאַליסטאָק, און צוזאמען ביי די גוטע אומשטענדען פון דער שוהל קוקט דאָס אוים ווי א שעהנער פרוכטבארער בוים ארומגענומען מיט פראכטפאלע צווייגען, אויף וועל-כע עס הענגען גוטע אויסזעהענדע פרוכט אין א מיטען זומער-טאָג. נאטירליך וואָלט שעהנער אויסגעקוקט, ווען די בוים וואָלט ניט געהאט קיין שאָטען פון קיין מאָרט-גיידזש, ווייל אזוי ווי דער בית המקדש האָט ניט געהאט קיין מאָרטגיידזש, אזוי ברויכט א שוהל אויך ניט האָבען קיין מאָרטגיידזש, און דאן וואָלטען מיר זיין זיכער, אז די הייליגע שוהל בית הכנסת אנשי ביאַליסטאָק, וועט פארוואלטעט ווערען פון אונזערע קינדרם קינדער לויט אונ-זערע טראדיציאָנען.

און אזוי ווי „אין המצוה נקראת אלא על שם גומרה“, די אלע אויסגערעכענטע בעאמטע, וועלכע האָבען געבראכט גרויס ערפאָלג צו דער שוהל, וועלען אויך אויף ווייטער זעהן, אז זייער גוטער נאָמען זאָל אָנגעהאלטען ווערען, ביז וואנען די שוהל וועט בלייבען נקי מכל מאָרטגיידזש.

און דיעזער יום טוב פון 50 יעהריגען יובילעאום, דארף ביי אונז זיין אן אמת׳ע שמחה של מצוה און אויך א הייליגער יום טוב ווי אין פסוק שטעהט, וקדשתם את שנת החמשים שנה, דער 50טער יאָהר דארף זיין ביי אונז הייליג און טהייער. מיר דארפען זיך פרעהען וואס מיר האָבען דערלעבט, און מיט געבויגענע קעפ דערמאהנען די אלע מעמבערס, שוועסטער און ברידער, וועלכע האָבען ניט געהאט די זכיה צו זיין מיט אונז צו דיעזען יום טוב.

און ביי ענדיגען מיין שרייבען וויל איך זיך באנוצען מיט דעם אויסדרוק פון דעם אלטען מי שברך, וכל מי שעוסקים בצרכי צבור באמונה, הקדוש ברוך הוא ישלם שכרם ויסיר מהם כל מחלה ביז ונאמר אמן.

### באגריסונג פון

# ביאליסטאָקער צענטער און בקור חולים

## צו דער בית הכנסת אנשי ביאליסטאָק

טייערע חברים און לאנדסלייט, מעמבערס פון אונזער
איינציגער ביאליסטאָקער שוהל אין אמעריקע!

עס איז באמת פאר אונז ביאליסטאָקער אידען א גרויסע אנגענעמענע שמחה צו קענען צוזאמען מיט אייך פייערען איצט אזא גרויסען שעהנעם יום טוב פון דעם 50טען געבורטס-טאָג פון אונזער עלטסטער ביאליסטאָקער אינסטיטוציע.

די פארגאנגענע 50 יאהר זיינען די אייביגע עדות פון דער גלאָררייכער ארבייט פון אונזערע ביאליסטאָקער אין נויארק אויפ'ן געביט פון צדקה און געזעלשאפטליכקייט. די ביאליסטאָקער שוהל איז דאָך פון די עלטסטע און רייכסטע אין דער אידישער אימיגראנטען קהלה פון נויארק דורך איהר קולטור און וואוילטאט צווישען די אידישע איינוואוינער אויף דער איסט סייד. די שוהל האָט דאָך ווירקליך ערצויגען שעהנע דורות פון אידישע טוהער און מנדבים און האָט א שם אין דער אמעריקאנער אידישער וועלט.

עס איז פאר אונז ביאליסטאָקער אין אמעריקע א גרויסע שטאָלץ און א פרייד וואס מיר האבען איצט די זכיה צו פייערען א גאָלדענעם יובילעאום פון אן אינסטיטוציע דאָ אין אמעריקע, וואו אונזערע עלטערען און מיר זיינען געקומען מיט יאהרען צוריק עלענדע און הילפלאָזע צו זוכען דאָ ברויט און קולטור און מיר האָבען עס דא געפונען. און דאס ערשטע וואס אונזער עלטערער דור אימיגראנטען האָט געפונען פאר איהר מאָראלישען און גייסטיגען חוב איז געווען די שוהל, וועלכע זיי האָבען געבויט און אויפגעהאלטען און אויך עס איבערגעלאָזען אלס שעהנע ירושה פאר די נעקסטע דורות.

דער ביאליסטאָקער צענטער און בקור חולים איז בעזונדערס דאנקבאר די טוהער און מעמבערס פון דער ביאליסטאָקער שוהל פאר די גרויסע הילף וואס זי האָט נענעבען אונזער לאנדסמאנשאפט ביי אלע געלעגענהייטען, צו עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען דער אלטער היים אָדער וועגען הילף דאָ גופא, איז די שוהל געווען די ערשטע און וויכטיגסטע ביישטייערערין און מיטארבייטערין און אונז געהאָלפען מיט אלע כחות צו דער אָרגאניזירונג פון אונזערע אלע ביאליסטאָקער עלעמענטען, און דערפאר טייערע חברים און פריינד, באגריסען מיר אייך און מיר ווינשען אייך איהר זאָלט פארזעצען די שעהנע נאָבעלע און הייליגע ארבייט און זוכה זיין צו די נעקסטע יובילעאומס און שמחות וואס אונזער שוהל וועט איה״ש נאָך פייערען.

לאנג לעבען און עקזיסטירען זאל אונזער עלטסטע ביאליסטאָקער אינסטיטוציע — די בית הכנסת אנשי ביאליסטאָק.

### ביאליסטאָקער צענטער און ב״ח

228 איסט בראָדוויי, ניו יארק.

ד י י וו י ד   א י י ז י ק ס,   פרעזידענט

ד.   ס א ה ן,   סעקרעטער

# אַ געטרייער ברודער

צווישען די טרייע מעמבערס און טוהער פון אונזער שוהל, וועלכע האָט זוכה געווען צו פייערען דעם גאָלדענעם יובילעאום ווילען מיר דערמאנען מר. מאריס סאנשיין, דעם צווייטען וויים פרעזידענט. שוין 17 יאהר אז מר. סאָנשיין איז א מעמבער פון אונזער קאָנגרעגיישאָן און 13 יאהר אז ער פארטרעט דעם אמט פון וויים פרע-זידענט. ער האָט אויך געהאט די זכיה צו זיין דער ערש-



מאָרים סאָנשיין, צוויטער וויים־פרעזידענט

טער פרעזידענט פון ר׳ שמואל מאהיליווער תלמוד תורה און האָט א סך מיטגעהאָלפען אין דער ארבייט פון דער תלמוד תורה.

צווישען די מעלות פון מאָרים סאנשיין דארף דער-מאנט ווערען זיין עניות, זיין בעשיידענהייט, עס איז זעל-טען אז מר. סאָנשיין זאל ציהען אימיצענס אויפמערק-זאמקייט דורך רעדעס אדער קהל׳שען קאָכען זיך, ער איז דוקא פון די שטילע נאטורען וועלכע רעדען ניט, וועלכע הערען בלויז אויס וואס ווערט גערעדט און האנדלען שפעטער לויט דעם שכל הישר. ער איז ביי אונז פאר-רעכענט צווישען די שעהנסטע דאָנייטארס און צווישען די פריינעביגסטע מענשען.

אן אינטערעסאנטער פאקט פון מר. מאָרים סאָנ-שיינ׳ס טהעטינקייט איז זיין שליחות קיין ביאַליסטאָק אין 1921. ער איז געשיקט געוואָרען אלס פארטרעטער פון ביאַליסטאָקער רעליעף אין נויארק צו פארטיילען קרובים געלדער און שטיצע צו די אינסטיטוציעס אין ביא-ליסטאָק.

בעזוכענדיג אין יענער צייט דעם בית הקברות פון זיינע עלטערען אין באגנאָווקע, האָט ער דערזעהן ווי דער קבר פון הרב הגאון ר׳ חיים הערץ זצ״ל איז אָהן א מצבה, און ער האָט זיך געמאכט פאר זיין אויפגאבע צו שאפען א פאָנד צו בויען א מויערל פאר דעם גרויסען נפטר.

קומענדיג דאָ צוריק, האָט ער די פראגע פארגע-בראכט פאר די מעמבערס פון אונזער שוהל, און ס׳איז געשאפען געוואָרען א גרעסערע סומע פאר דעם צוועק.

אין א קורצע צייט ארום איז מר. סאנשיין ווידער גע-שיקט געוואָרען אלס שליח פון רעליעף קיין ביאַליסטאָק און ער האָט דורכגעפירט זיין אויפגאבע בויענדיג א פראכטפולען מויערל פאר דעם גאון. די שטאָט ביאלים-



הרב הגאון ר׳ חיים הערץ זצ״ל



המונת האהל על קבר הרב הגאון ר׳ חיים
הערץ האַלפּערן זצ״ל בעיר ביאליסטאָק

טאָק וועלכע איז געווען שטארק פּאראַרימט דורך דער מלחמה און ניט געקענט באזארגען די מצבה, איז זעהר דאנקבאר געווען דעם שליח און די ביאליסטאָקער ברי־דער אין נויארק פאר דעם ראַזינגען אויפטהו.

מר. מאָריס סאָנשיין איז א צייט געווען דער ערש־טער טרעזשורער פון ביאליסטאָקער צענטער, ווען ס׳איז געזאמעלט געוואָרען דער פאָנד צו קויפען אן אייגענעם בילדינג אויף איסט בראָדוויי, און ער איז אויך איצט איינער פון די טראָסטים פון מושב זקנים קאָמיטעט, וועלכער געהט בויען א ביאליסטאָקער האום אויף איסט בראָדוויי. מר. סאָנשיין האָט זיך אויך בעטייליגט אין פילע וויכטיגע קאָמיטעס פון אונזער שוהל, און ער איז געווען פון די עטליכע געצעהלטע מעמבערס, וועלכע האָ־בען שטארק געארבייט אז אונזער שוהל זאל קויפען די קרקע אויף מאונט לבנון סעמעטערי. און ביי אונזער איצ־טיגען יום טוב דערמאנען מיר עס מיט שטאָלץ און מיט פרייד וואס אונזער שוהל בעזיצט אזעלכע איבערגעבענע טוהער און מעמבערס.

# גראטולאציאן

שוועסטער און ברידער!

צום 50 יעהריגען יובילעאום פון אונזער קאנגרעגיישאן בית הכנסת אנשי ביאליסטאק גיב איך מיין פערזענליכען דאנק צו אלע אפיסערס, שוועסטער און ברידער.

מיין טיעפסטע סימפאטיע צו דיזער הייליגער פייערונג פון אונזער סעלעברייישאן האב איך ניט גענוג ווערטער אויסצודריקען מיין יעצטיגע פיהלונג, ווי טיעף און דאנקבאר איך בין צו אלע ברידער פאר זייער נאבעלע און הייליגע ארבייט, וועלכע זיי האבען לאנגע פופציג יאהר געלייסטעט פאר אונזער קאנגרעגיישאן וועלכער איז געקרוינט מיט אזא שעהנעם סוקסעס. אונזער קאנגרעגיישאן מיט איהרע אינסטיטושאנס איז א שטאלץ און א צירונג פאר אונז אלע ברידער, שוועסטער און לאנדסלייט. אבער דענקט ניט דאס מיר האבען דערמיט שוין אלעם דערגרייכט. עס שטעהט אונז נאך פאר פילעס צו טאהן, מיר מוזען זעהן פאר דער צוקונפט צו זארגען, דאס דיזע קאנגרעגיישאן זאל צו יעדער צייט זיין אימשטאנדע איהרע הייליגע פליכטען נאכצוקומען.



מאקס בארטה, פרעזידענט

האבענדיג די עהרע צו זיין דער פרעזידענט פון דיזער שעהנער געזעלשאפט, ווינש איך אז מיר אלע צוזאמען זאלען פארטזעצען דיזע נאבעלע און הייליגע ארבייט אין דער צוקונפט, און אז פריינדשאפט, איינינקייט און פריעדען זאל אימער הערשען ביי אונז און מיר אלע מיט אונזערע פאמיליען און פריינדע זאלען זוכה זיין צו פייערען פילע יובילעאומס. דאס איז מיין וואונש צו אייך פון טיעפסטען הארצען.

אייער איבערגעגעבענע שוועסטער און ברודער,

מרס. און מר. מאקס בארטה, פרעז.

# אַ באַגריסונג

פון לואיס דייווים.
טרעזשורער פון בית הכנסת אנשי ביאליסטאָק



לואיס דייווים, טרעזשורער

מיט איין אינערליך הערצליכע שמחה קום איך צו בעגריסען אייך אלע שוועסטער, ברידער און פריינד פון דער קאָנגרעגיישאָן „בית הכנסת אנשי ביאליסטאָק“ צו אונזער פייערונג דעם 50 יעהריגען יאהרעספעסט זינט דיזע אָרגאניזיישאָן איז געגרינדעט.

פון טיפען הארצען וואלט איך געוואונשען דאס אונזערע נאָכקומערס זאלען אויך דערלעבען צו פייערען זאָ איין יום טוב !

איך געפין ניט קיין ווערטער וועלכע זאלען אויסדריקען מיין הערצליכען דאנק צו אייך אלע שוועסטער און ברידער, — פאר די עהרע וואס איהר טהיילט מיר צו — מיט געבען מיר זאָ איין הויכען אמט אין אונזער אלעמענס בעליבטע שוהל, און איך גלויב דאס איהר אנערקענט מיין איבערגעבענהייט צו מיין אמט, און איך גיב אייך מיין עהרען וואָרט דאס איך אויך ווייטער וועל איך אָנווענדען אלע מיינע מעגליכקייטען, אום צו ברייננען נוצען פאר אונזער בעליבטען אינסטיטוציאָן.

איך צייכען מיין נאָמען
מיט ליבע, דאנקבארקייט און אכטונג,
לואיס דייווים.

# אַ באַגריסונג

פון אונזער עקס פרעזידענט מר. דייוויד אייזיקס

זייט באגריסט און געבענשט, מעמבערס און בעאמטע פון אונזער גרויסער אלטער ביאליסטאָקער שוהל, וועלכע פייערט איצט דעם היסטאָרישען חג היובל.

איך בין זיך ווירקליך משמח וואס מיר האָבען דאָס דערלעבט צו זעהן, און איך האָף און ווינש אייך אלע ברידער צו דערלעבען דעם פייערונג פון אונזער בריליאנטענעם יובילעאום.

מר. און מרס. דייוויד אייזיקס.

the Law and its precepts and to explain difficult passages of the Bible. Then the Beth Hamidrash (house of study) became affiliated with the Synagogue so that the study of the Torah and its legal, talmudical commentaries might be pursued. Another development was the attachment of a school to the Synagogue for the Jewish education of the young children so that they might become another strong link in the chain of traditional Judaism. Gradually the Synagogue became the center of Jewish life, the radial point around which the circle of communal activity revolved, the fountain whose waters continually satiated the thirst for Jewish knowledge and kept ever fresh the sweet flower of Judaism.

Now let us turn to modern times. At the present day in this country the very urgent necessity arises for the Synagogue to assume still another function and one which, perhaps, outweighs in importance the previously acquired ones because the future of Judaism in this country is dependent upon the accomplishment of this purpose. In this country conditions have appeared on the Jewish horizon which are different from those which existed in European countries. In the latter the Jewish community lived as in a "ghetto." Jewish life was such a compact force as did not allow, through the spiritual influence it exerted, anyone to stray from the traditional faith, it kept both young and old closely attached to Judaism.

Environmental conditions in this New World, however, have given rise to a heretofore practically unknown problem in Jewish life, namely, the wholesale drifting of the younger generation away from the Jewish fold; and consequently the burden of responsibility to attract them to Judaism has fallen upon the shoulders of the Synagogue as one of the proper agencies for the accomplishment of the purpose. It is quite true that many Jewish movements are afoot to combat the estranging influences upon our youth but the Synagogue assumes a very important role, if not the most important, in that field of religious work.

The Bialystoker Synagogue in the fifty years of its existence can point with pride to the work it has been and is doing along that line. It has undertaken pioneer work besides the many usual activities of a Synagogue. For years it has maintained a Talmud Torah (Hebrew school) in a building especially constructed for the purpose where hundreds of children of poor parents have received and are receiving instruction in Jewish culture and religion. The financial sustinence required by the Talmud Torah is almost entirely taken care of by the Synagogue because the large majority of parents cannot afford to pay any tuition fees. The Synagogue, besides, performs all the functions which have been added to the original single one in the Synagogue-development in Jewish history.

Recently, moreover, the Bialystoker Synagogue, always remembering its newly-acquired function of attracting the Jewish youth, has instituted special Sabbath services for the young children of which congregational singing is a prominent part. From present indications, it seems that this latest effort on the part of the Synagogue is destined to eventual success. Support of the Synagogue by its adherents in this undertaking will make for a successful and definite continuation of this worthy and auspicious beginning.

On this occasion of the Bialystoker Synagogue's fiftieth anniversary it is to be hoped that all those who are in one way or another connected and affiliated with it will bend their every effort to continue the good work of the Synagogue by giving their fullest support and assistance to it so that it may continue to grow and become more beneficial to the Jewish community.

# The Jubilee Celebration of Bialystoker Synagogue

By RABBI MITCHEL SIMON ESKOLSKY

AS the Bialystoker Synagogue is standing on the threshold of a second half-century of existence, looking forward with high hopes and anticipation to greater growth and considerable progress in the future, it can look back with justifiable pride and full satisfaction upon the manifold and various activities which have been carried on and praiseworthy achievements which have been attained in the past. Aside from being one of the largest synagogues in the city from the point-of-view of size, it also occupies a unique position in the East Side section of New York as one of the most active centers of religious and charitable Jewish communal life. In order to fully realize and appreciate the measure of its activity let us turn back the pages of the ages and see what functions a Synagogue had originally when it was first established in Jewish life.

If we trace the origin and gradual development of the Synagogue, as an institution, in Jewish history through the more than eighteen centuries of its existence, we find that the functions of the Synagogue increased or changed to such degree as were the requirements of each particular period and of the different countries in which Jews lived. The Second Temple was destroyed in the year 70 of the common era and the Diaspora followed closely upon the heels of destruction. No longer in possession of their holy place of worship and driven from their country by the Roman forces, the Jews looked about for something to replace, to some extent, the loss of the Temple which was the central gathering-place for festival prayer and ritual and ceremonial worship.

Thus the yearning for the Temple gave birth to the Synagogue. The latter's function was to serve as a house of prayer, only one of the many purposes fulfilled by the Temple. For this reason the Synagogue came to be known as מקדש מעט "a miniature Temple." This idea gained much headway soon after the expulsion of our people from Judea and the



Rabbi Mitchel Simon Eskolsky

Synagogue, as an institution, was established as a factor in the Jewish community. Jews gathered there for daily, Sabbath and festival prayers; and this was originally the sole purpose of the Synagogue.

Later, when it became more firmly entrenched among Jews as a vital factor in their religious life, the Synagogue acquired additional functions and engaged in more and more activities. The preaching of sermons by a Rabbi was introduced to instruct the people in

## LADIES' AUXILIARY—Continued

Mrs. Garbowitz, 556 Grand Street
Mrs. G. Goldstein, 416 Grand Street
Mrs. P. Gordan, 288 Monroe Street
Mrs. H. Gittes, 125 E. 4th Street
Mrs. B. Goldberg, 4912—15th Avenue, Bklyn.
Mrs. F. Goldberg, 179 Clinton Street
Mrs. B. Gingin, 12 Pitt Street
Mrs. Gershoff, 12 Pitt Street

**H**

Mrs. Horman, 1974 Eastern Parkway, Bklyn.
Mrs. Hoffman, 247 Broome Street
Mrs. Hurwitz, 548 Grand Street

**J**

Mrs. Janno, 158 Suffolk Street
Mrs. D. Jaffe, 47 Essex Street
Mrs. Jablonsky, 62 Essex Street
Mrs. Jagust, 180 E. 2nd Street

**K**

Mrs. Kusman, 31 Essex Street
Mrs. F. Kurinsky, 567 Fox Street, Bronx
Mrs. J. Katzenelenbogen, 181 Clinton Street
Mrs. Klansky, 58 Gouveneur Street
Mrs. L. Kosowitz, 190 Monroe Street
Mrs. Keiser, 154 Rockaway Parkway, Bklyn.
Mrs. B. Kodish, 444 Grand Street
Mrs. Klein, 261 So. 2nd Street, Bklyn.
Mrs. Kesten, 712 Crown Street, Bklyn.
Mrs. E. Kaplan, 2079—79th Street, Bklyn.
Mrs. Kronenberg, 3323 Steuben Ave., Bronx

**L**

Mrs. Ch. Leven, 1501 Boston Road
Mrs. F. Leven, 977 Whitlock Ave., Bronx
Mrs. J. Liberman, 560 W. 175th Street

**M**

Mrs. Marcus, 6 Willett Street
Mrs. F. Miller, 338 E. 5th Street
Mrs. B. Markowitz, 111 Broome Street

**N**

Mrs. Nadler, 1-3 Attorney Street

**P**

Mrs. Philips, 75 Amboy Street, Bklyn.
Mrs. Pastowsky, 259 Henry Street
Mrs. R. Pinker, 71 Ridge Street

**R**

Mrs. Richland, 23 Willett Street
Mrs. Ruben, 281 Monroe Street
Mrs. J. Rosinsky, 106 W. 115th Street
Mrs. Rappoport, 76 Lewis Street
Mrs. Rogel, 183 Clinton Street
Mrs. Ch. Riback, 1236 Boston Road

**S**

Mrs. H. Samotznick, 552 Grand Street
Mrs. L. Star, 1-3 Attorney Street
Mrs. R. Soffer, 679 Montgomery Street
Mrs. D. Simon, 287 Henry Street
Mrs. S. Shilatzky, 66 Willett Street
Mrs. Z. Saslowsky, 39 Jackson Street
Mrs. A. Shwartz, 206 Delancey Street
Mrs. Ch. Shapiro, 170 Delancey Street
Mrs. Shapiro, 85 Ludlow Street
Mrs. P. Sherman, 1377 E. 13th Street, Bklyn.
Mrs. Stareselsky, 236 Delancey Street
Mrs. D. Sawetz, 133 Broome Street
Mrs. Sirota, 30 Scammel Street

**W**

Mrs. Waslikowsky, 776 Crown Street, Bklyn.
Mrs. Weisberg, 226 Vernon Avenue, Bklyn.
Mrs. Wigoda, 48 Broome Street
Mrs. Wechsler, 15 Sheriff Street
Mrs. M. L. Wolff, 2-4 Attorney Street

**Z**

Mrs. R. Zimmerman, 1185 E. 17th St., Bklyn.

## MEMBERS OF THE CONGREGATION— Continued

Suchar, 1841 E. 3rd Street, Bklyn.
Schwartzberg, 181 Beach 122, Rockaway Park, L. I.
Schwartzberg, J., 415 Grand Street
Schwartz, Bar., 548 Grand Street
Soffer, Mrs., 679 Montgomery Street, Bklyn.
Schostok, B., 114 Sutter Avenue, Bklyn.
Schostok, Morris, 1346 Morris Avenue
Schostok, Joe, 240 Amboy Street, Bklyn
Sunshine, Morris, 30 Oliver Street
Soperstein, S., 2827—8th Avenue
Soperstein, S., 597 E. 138th Street
Sevel, Sol., 461 Audubon Ave., Bronx

### T

Tobkes, H., 147 Broome Street
Train, 328 Grand Street

### W

Weisberg, B.
Weintraub, Ab., 103 Division Street, c-o Cohen
Wolff, I., 2-4 Attorney Street
Wolff, Ab., c-o I. Wolff
Wolff, B., 2159 Morris Avenue, Bronx
Wolkenberg, W., 1064 E. 10th Street, Bklyn.
Waslikowsky, Max, 776 Crown Street, Bklyn.
Walden, W., 605 E. 8th Street, Bklyn.
Weinstein, K., 442 Hopkinson Avenue, Bklyn.

### Z

Zodowok, L., 218 Beach 118th Street, Rockaway Park, N. Y.
Zimmerman, Ab., 1185 E. 17th Street, Bklyn.
Zimmerman, Is., c-o Ab. Zimmerman
Zuro, L., 311 W. 97th Street

---

אונזער חזן איז דער בעוואוסטער אדעסער חזן
ר׳ יעקב וויינמאן
אדרעס:
1181 Walton Ave., Bronx, N. Y.

# The Ladies Auxiliary

of the Beth Haknesseth Anshei Bialystock

### A

Mrs. B. Attenstein, 203 So. 4th Street, Bklyn.
Mrs. Ch., Agulnik, 166 Scholes Street, Bklyn.
Mrs. F. Aransky, 280 Henry Street
Mrs. P. Adler, 22 Mangin Street

### B

Mrs. Bleiwas, 8 Willett Street
Mrs. Bogartz, 15 Attorney Street
Mrs. Bang, 259 Henry Street
Mrs. S. Borenstein, 127 Broome Street
Mrs. Barinow, 1-3 Attorney Street
Mrs. H. Berman, 51 Norfolk Street
Mrs. Babis, 1-3 Willett Street
Mrs. Barth, 265 Division Street
Mrs. P. Boyarsky, 417 Grand Street
Mrs. Bersan, 230 Monroe Street
Mrs. R. Berenstein, 301 E. 102nd Street, c-o Brand
Mrs. Barowitz, 492 Grand Street

### C

Mrs. S. Cohen, 308 Delancey Street
Mrs. E. Cohen, 1455—54th Street, Bklyn.
Mrs. R. Cohen, 31 Essex Street

### D

Mrs. B. Dikstein, 1617 President Street, Bklyn.
Mrs. Daves, 18 Montgomery Street
Mrs. J. Dublinsky, 254 Henry Street

### E

Mrs. M. Epstein, 2005 Walton Avenue, Bronx

### F

Mrs. H. Forman, 5 Willett Street
Mrs. F. Fisher, 302 Delancey Street
Mrs. B. Forstot, 3626 Grand Concourse, c-o Win

### G

Mrs. L. Garber, c-o P. Scherman
Mrs. G. Goldman, 111 So. 3rd Street, Bklyn.

## MEMBERS OF THE CONGREGATION—Continued

Gittes, H., 125 E. 4th Street.
Goldberg, Joe, 242 E. 7th Street, Bklyn.
Goldberg, Ab., 202 W. 19th Street
Greenstein, Morris, 206 W. 29th Street
Greenstein, L., 206 W. 29th Street
Greenberg, L., 22 Rutgers Place
Grossman, N., 522 Essex Street, Bklyn.
Grossman, Simon, Willoughby Ave., Bklyn.
Garlick, J., 42 Norfolk Street

### H

Halperen, H., 258 Manhattan Avenue
Hendler, H., 32 W. 36th Street
Hirshfeld, Joe, 2 Sickle St., cor. Nagle Ave., Bronx
Hinerfeld, L., 25 Lewis Street
Hoffman, B., 247 Broome Street
Heller, Morris, 2066—63rd Street, Bklyn.
Hurwitz, S., 548 Grand Street
Hochron, N., 263 Cherry Street

### I

Isseks, D., 230 Kent Avenue, Bklyn.
Isseks, H., 230 Kent Avenue, Bklyn.
Isseks, Jacob, 351 Bristol Street, Bklyn.

### J

Janowsky, L., c-o Jano
Janowsky, A., 23 Willett Street
Jankelewitz, Mrs. S., 117 Featherbed Lane, Bronx
Jano, 45 West 45th Street

### K

Kaplan, Meyer (I), 315 W. 36th Street
Kaplan, Meyer (II), 75 E. 1st Street
Kaplan, Jacob, 456 Grand Street
Kaplan, L., 100 Northern Ave., Bronx
Kaplan, Ch., 1152 Wheeler Ave., Bronx
Katz, B., 402 Grand Street
Katz, Morris, 400 Grand Street
Krinsky, J., 755 So. Boulevard, Bronx
Kurinsky, G., 567 Fox Street, Bronx
Kolikowitz, B., 72 Columbia Street
Krause, 791 Troy Avenue, Bklyn.

### L

Levy, Is., 1107 Broadway
Liberman, E., 49 Forsyth Street
Liberman, Morris, 46 Howard Street
Leen, Ph., 74 W. 174th Street
Lewen, B., 564—7th Avenue
Leven, Joe, 601 Hopkinson Avenue, Bklyn.
Litt, Morris, 2085 Walton Avenue, Bronx
Lipshitz, Morris, 621 Broadway
Lipshitz, Gabrel, 116 W. 39th Street

### M

Marcus, M. Ch., 6 Willett Street
Meyers, M. E., 58 W. 116th Street
Meyer, J., 59 Mangin Street
Masel, 799 E. 150th Street
Mines, H., 573 Eastern Parkway, Bklyn.
Madownik, 177 Clinton Street
Markowitz, S., 123 Broome Street
Markowitz, Mrs., 2157 Boulevard, Jersey City, N. J.

### N

Narewsky, Jacob, 982 E. 165th Street

### P

Perlowitz, S., 351 Koscuisko Street, Bklyn.
Pune, J. F., 1675 University Avenue
Philips, Ab., 75 Amboy Street, Bklyn

### R

Riback, Ab., 1390 Boston Road
Riback, J., 160 E. 118th Street
Rosenthal, S., 315 Mt. Eden Avenue
Rosenberg, Sam, 448 Rockaway Ave,. Bklyn.
Rosenberg, L., 1662 Eastern Parkway, Bklyn.
Rosenberg, Kopel, 1607 Prospect Place, Bklyn.
Rosen, Joe, 86 Stanton Street
Reitbard, Morris, 127 Monroe Street

### S

Stern, Max, 25 W. 37th Street
Stern, David, 1138 Vyse Ave., Bronx
Slotnik, E. 834 E. 156th Street, Bronx
Slotnik, N., 347 Rodney Street, Bklyn.
Stone, Morris, 1705 Ocean Parkway, Bklyn.
Schneider, Morris, 24 E. 111th Street
Schneider, Jacob, 982 Union Avenue, Bronx
Solomon, S., 248 Division Street
Solomon, Max, 248 Division Street
Saks, Joseph, 150 Sutter Avenue, Bklyn.
Sandler, E., 1064 Sheridan Avenue, Bronx
Segadel, D., 83 Ridge Street
Sohn, M., 7 Pitt Street
Steinartz, Aron, 117 Featherbed Lane

# Members of the Congregation

A

Albert, J., 1054 Eastern Parkway, Bklyn.
Albert, Louis, 242 W. 36th Street
Albert, Is., 500—7th Avenue
Albert, Joe, 500—7th Avenue
Albert, Mrs., 43 W. 117th Street
Atles, H., 891 DeKalb Ave., Bklyn.
Atles, Jacob, 154 Herzel Street, Bklyn.
Attenstein, Max, 203 So. 4th Street, Bklyn.
Attenstein, Jacob, 37 Parkwill Ave., Bklyn
Adler, R., 22 Mangin Street
August, H., 186 Sharap Ave., Port Richmond, S. I.
Apelbaum, Mrs. Ch., 743 E. 5th Street

B

Boyarsky, A., 417 Grand Avenue
Boyarsky, D., 1583—40th Street, Bklyn.
Bober, Jacob, 776 Green Avenue, Bklyn
Bober, N., 615 Crown Street, Bklyn
Brener, L., 782 West End Avenue
Bregman, M., 204 Broome Street
Berenstein, B., 478 Grand Street
Berenstein, Is., 301 E. 102nd Street, c-o Brand
Blum, H., 472 Grand Street
Blumenthal, Is., 43 Fulton Avenue, Jersey City, N. J., c-o Meyer
Blumenthal, Jacob, 6 Rutger Street
Blumenthal, Max, 4 Allen Street
Blustein, Jacob, 166 Water Street
Benowitz, L., 1502—42nd Street, Bklyn
Benowitz, Is., 889 Rogers Avenue, Bklyn
Benjamin, Mrs. G., 368 St. Ann's Ave., Bronx
Barth, Max, 265 Division Street
Berman, J., 675 Dawson Street
Boyes, M., 246 Bainbridge Street, Bklyn.
Boyes, Irving, 442 Decatur Street, Bklyn.
Brand, H., 347 Rivington Street

C

Cohen, Dr. N., 156 Hewes Street, Bklyn.
Cohen, L., 325 Grand Street
Cohen, Sol., 325 Grand Street
Cohen, Meyer, (I) 1455—54th Street, Bklyn.
Cohen, Meyer (II) 219 Miriam Street
Cohen, Col., 219 Miriam Street
Cohen, Sam, 1181 Broadway
Cohen, William, 911 Walton Avenue
Cohen, Morris, 1339—48th Street, Bklyn.
Cohen, Joe, 228 Rivington Street
Cohen, Mrs. R., 243 Tracy Avenue, Bklyn.
Cohen, Mrs. B., 1428 E. 5th Street, Bklyn.
Chisewsky, David, 131 Hooper Street, Bklyn.
Chisewsky, L., 1000 E. 173rd Street
Chrein, Bar., 248 Grand Street

D

Dines, Sam, 725 So. 10th Street, Newark, N. J., c-o Farber
Dickstein, L., 549 Grand Street
Dlugow, 107 E. 110th Street
Daves, L., 19 Montgomery Street

E

Epstein, S. F., 2005 Walton Ave., Bronx
Epstein, S., c-o Epstein

F

Fidler, Morris, 1419 Shakespeare Avenue
Forman, H., 5 Willett Street
Frank, Ch., 500 W. 188th Street
Fridman, S., 606 E. 5th Street
Feinstein, H., 200-01 Central Avenue, Albana, L. I.
Feinberg, M., 287 Henry Street
Finkelstein, Morris, 31 Broome Street
Finkelstein, Ab., 59 Hart Street, Bklyn.
Fisher, Frank, 146 Essex Street

G

Ginsburg, S., 54 E. 13th Street
Ginsburg, L., 142 E. Broadway
Ginsburg, Max, 490 Grand Street
Gladstein, Mrs., c-o W. Wolkenberg
Goldman, Joe, 111 So. 3rd Street, Bklyn.
Goldstein, Wolff, 418 Grand Street
Goldstein, M. Ch., 1-3 Willett Street
Goldstein, S. (I), 431 Alabama Ave., Bklyn.
Goldstein, S. (II), 936 Home Street, Bronx
Goldstein, Solomon, 7 Manhattan Street
Goldstein, Herman, 1755 Ocean Pkway, Bklyn

### השקפה על מספר השנים

# לשנת החמישים לבית הכנסת אנשי ביאליסטאָק

מאת חנה אסתר איסקאָלסקי

לפני שנים או שלשה חדשים, כשהתאפסו בבית אבי הרב יחיה, אחדים מנשיאי ומנהיגי הבית הכנסת, הנשיא מר. בארטה ואליו הנבאים מר. גיטעם ומר. באיארסקי, והגזבר מר. דייוויס, וכשהסתכלתי בהאורחים האלו רגעים אחדים, ובראותי כי פניהם מפיקים רוב רצון ורגשי שמחה שפוך אליהם, שאלתי אותם בתמימות לסיבת האסיפה הזאת? ובולם פה אחד ענו אותי בהתפעלות עצומה ובהתלהבות יתירה, האם אינך יודעת שמחתנו? והאם לא שמעת מחגיגתנו, אשר אנו הולכים לחוג את חג החמישים שנה שנמלא לבית הכנסת אנשי ביאליסטאָק שלנו, למיום הוסדה ועד עתה. והננו מכינים משתה ושמחה לכל חברי בית הכנסת, ונזמין גם מכירים וידידים לשמחתנו וגם אותך בתוכם, למען תקחי חלק בשמחתנו ותעלוזי ותתענגי עמנו יחד.

בתחילה השתוממתי למשמע אזני, ובתנועת ראש הראתי להם פליאתי, לשמחה מה זו עושה? כי לכאורא לא הבנתי את עומק כוונת החג הזה. כפי ההרגל המובן בארצנו פה, בי אין מביטים על זקן כמו על הצעיר, ואין מעריכים את ערך הזקנה בכבוד הראוי, וארצנו אשר היא בעצמה ארץ צעירה לשנים, מעריכים ומכבדים יותר את ערך הילדות והצעי־ות, וצעיר קודם לזקן בכל דבר.

אך לאחר התבוננות ובזכרי את דברי תורתנו שכתוב בה וקדשתם את שנת החמישים שנה, ובכמה ענינים מכירה התורה את ערך הזקנה למאד, ואיש פרטי אשר הגיע לימי הזקנה מצוה התורה לכבדהו וגם לקום מפניו, כי האיש אשר זקנה הופפת עליו יודע את החיים, והנסיון הורהו איך להתנהג בעצמו, ואיך להורות את אחרים איך להתנהג בדרכו בחיים, ורבנו ר׳ אליעזר בן עזריה התפאר בעצמו הרי אני כבן שבעים שנה. כי לאו כל אדם זוכה לזקנה, והאדם צריך לזכיות גדולות, שיזכהו ד׳ באריכת ימים ושנים, אז הבנתי והרגשתי את ערך השמחה מבית הכנסת אנשי ביאלסטאָק.

בשעה שהרבה בתי כנסיות והברות אשר נתיסדו משכבר הימים, וכבר ספו תמן ואין זכר למו, ונאספו בלא עת והיו כלא היו, והבית הכנסת הזאת עומדת לתלפיות ברחוב ווילעט, ומפיצה אורה וזוהר על כל סביבותיה, בתורה עבודה וגמילת חסדים, והיא באמת האספקלריא אשר כל רואיה ילמדו ממנה לעשות גם הם כמוה, והעיקר ליסד תלמוד תורה, ללמד את נערי בני ישראל תורה ולשון עברית, ולגדלם להיות יהודים נאמנים לעמם לארצם וללשונם. ולכן באמת ראוי הוא לבית הכנסת החשובה הזאת לחוג ולשמוח בהגיעה לשנת החמישים שנה, וחוץ מהגדולים גם הקטנים צריכים להשתתף בשמחת האבות, כמו שפרחי כהונה היו שמחים בשמחת הכהנים הגדולים.

והנני מברכת את כל חברי בית הכנסת אנשי ביאליסטאָק, אשר כבוד אבי הרב יחיה שוכן כבוד אצלם, כי יאריכו ימים ושנים, וכל אחד מהם יזכה לחוג את שנת החמישים בתוך ביתו הפרטי, ואל תהיה ברכת כלה הדיוט בעיניכם.

### אַלגעמיינער פינאַנציעלער צושטאַנד

# פון בית הכנסת אנשי ביאַליסטאָק

1טען פעברואר, 1928

### פארמעגען:

| | |
|---|---|
| קעש אין באנק | $ 4,636.00 |
| בילדינג און אימפּרואוומענטס | 77,375.00 |
| תלמוד תורה בילדינג | 14,000.00 |
| וואשינגטאָן סעמעטערי 1 | 2,500.00 |
| וואשינגטאָן סעמעטערי 2 | 3,500.00 |
| מאונט זייאָן סעמעטערי | 4,000.00 |
| מאונט לבנון סעמעטערי | 10,500.00 |
| ספרי תורה׳ס | 2,800.00 |
| ספרים ווי ש״ס׳ן, משניות שו״ת ומפרשים | 4,500.00 |
| נביאים | 600.00 |
| חמש מגילות | 150.00 |
| כלי כסף | 1,500.00 |
| חופה | 150.00 |
| פּרוכת׳ן | 450.00 |
| פוירניטשור | 5,000.00 |
| חובות פון מעמבערס | 1,500.00 |
| ס״ה | $133,161.00 |

## אלגעמיינער פינאַנציעלער צושטאַנד

# פון בית הכנסת אנשי ביאליסטאָק

1טען פעברואר, 1928

שולדען:

| | |
|---|---|
| אן ערשטען מאָרטגיידזש — — — — — — | $ 19,000.00 |
| " שמש שלמה בערמאן — — — — — — | 500.00 |
| " יובילעאום קאָמיטע — — — — — | 1,000.00 |
| " קליינע שולדען — — — — — — | 400.00 |
| ס"ה — | $ 20,900.00 |
| באלאנס פארמעגען צו גונסטען דער בהכנ"ת | $112,261.00 |
| | $133,161.00 |

# Bialystoker Finance Corporation

228 EAST BROADWAY, NEW YORK

Telephone Dry Dock 4933

INCORPORATED UNDER THE LAWS OF NEW YORK STATE

**CAPITAL STOCK $100,000.00**

---

מיט דער ערשיינונג, פון דער ביאליסטאָקער פינאַנס קאָרפּאָריישאָן, צווישען אונזער לאַנדסמאַנשאַפט, האָט געבראַכט אַ גרויסע פעראַנטוואָרטליכע, פינאַנציעלע הילף פאַר די גרעסטע טהייל פון אונזערע ביאַליסטאָקער אידען וואָס וואָהנען אין ניו-יאָרק און אומגעגענד. די רעקאָרדס און די מענשען וואָס האָבען געהאַט צו טאָהן מיט דיעזער נאָבעלער אינסטיטוציע זיינען די לעבעדיגע עדות פון די גוטע „מעשים-טובים" פון דער מאָדערנער-געזעלשאַפטליכער אויפטוה.

**וווערט שער-האָלדערס פון דיעזער קערפּערשאַפט, העלפט זיך ווי אויך אייערע קרובים, מיר זיינען די דאָקטוירים צו קורירען פּערזאָנען וואָס זיינען פינאַנציעל געדריקט און אָפּגעצערט...**

די בעאַמטע פון דער ביאַליסטאָקער פינאַנס קאָרפּאָריישאָן:

א י ז י ד אָ ר  א ש פּ י ז, פּרעזידענט

ד ז ש. א י י ז י ק ס, וויס פּרעזידענט

פ י ל י פּ  ג אָ ר ד אָ ן, טרעזשורער

ד י י ו ו י ד  ס אָ ה ן } טראָסטיעס

ל. ט א ר ר

## באָארד אָף דירעקטאָרס:

1. מאָררים זאָנשיין
2. ל. קאָהן, רעק. סעקר.
3. אב. קאהן
4. דזש. קאָהן
5. ה. טארטאצקי
6. ה. גראף
7. פּהיליפּ אדלער
8. סעם סאלאמאן
9. מאקס פאלטער
10. ס. קאסעל

# ...Programme...

1. INTRODUCTION OF THE PRESIDENT.
2. OPENING OF MEETING.
   a) Prayer by Rabbi Jacob Eskolsky.
   b) Reading Names of Deceased Members.
   c) Memorial Service by Cantor J. Weinman.
      Accompanied by the Orchestra
3. MUSIC.
4. MARCH TO THE BANQUET HALL.
5. SUPPER.
6. MUSIC - "Star Spangled Banner" - "Hatickva"
7. INTRODUCTION OF CHAIRMAN
   of Arrangement Committee 50th Anniversary
8. ADDRESSES BY PROMINENT SPEAKERS:
   Rabbi Jacob Eskolsky
   Rabbi H. Brodsky
   G. Bublick
   (Editor of the Tageblatt)
   Hon. Cong. S. Dickstein
   Hon. Judge H. Schimel
   Counselor W. Waldin
   Rabbi M. S. Eskolsky
9. SOUVENIRS FOR LADIES.
10. CLOSING OF BANQUET.
11. MARCH TO BALL ROOM.
12. MUSIC AND DANCING.

---

LOUIS COHEN, Toastmaster